# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 26 • מאנטאג, י' שבט תשפ"ז • 18טן יאנואר 2027 • די וואך פון פרשת בשלח**

כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה

דברים כ, יט



## אין דעם נומער

**גיי גרין!**
הוגה • הויפט־ארטיקל

**נייע באשעפעניש**
יידל • וויסנשאפט

**דער פייער־פויגל**
moshav zekeinim • מוזיק

**ווי אזוי גייט מען זיך אום מיט א הונט?**
בדחן און די לייענער • שמועס

**אוועק אין קאנטרי**
hutkh • איבערלעבונג

**מיין מלחמה מיט דער שווארצער קאץ**
חבקוק הנביא • הומאר

# ארכיוו

נומער 26 • מאנטאג, י' שבט תשפ"ז
18טן יאנואר 2027 • די וואך פון פרשת בשלח


הקדמה

# נאטור: א נומער וועגן ביימער, חיות און פייגל

„כי האדם עץ השדה“ – דער מענטש איז ווי א בוים פונעם פעלד. דעם שבט קומט ט"ו בשבט, דער ראש השנה פאר די ביימער, און דערפאר איז דער נומער געווידמעט דער נאטור: ביימער און וועלדער, חיות און פייגל, און אביסל קאנטרי.

אינעם הויפט־ארטיקל פרעגט „הוגה“ צי א פרומער איד דארף זיך אנגיין וואס עס טוט זיך מיט די וועלדער און מיטן מיסט, און ער ענטפערט מיט דער מצוה פון „בל תשחית“ – פונעם רמב"ם און ספר החינוך ביזן רש"ר הירש – און מיט פראקטישע עצות פאר יעדער שטוב. אינעם שמועס פון דער וואך גיבט „בדחן“ צו אז ער האט מורא פאר הינט, און די לייענער טיילן זיך מיט עצות, קמיעות און זכרונות.

„יידל“ ברענגט נייע מינים חיות און געוויקסן וואס מען האט אנטדעקט אין 2012, פון א מאלפע וואס ניסט ווען עס רעגנט ביז א ווארעם טיף אונטער דער ערד. „אמת וצדק“ גייט נאך די מקורות פונעם גולם פון פראג און פרעגט צי ער האט טאקע עקזיסטירט. א וויליאמסבורגער אינגערמאן פארט מיט דער פאמיליע אין קאנטרי און פירט א טאגבוך – מיט מוריטשקעס, פליגן און רעגן. „moshav zekeinim“ דערציילט די רוסישע מעשה פונעם פייער־פויגל, און ווי סטראווינסקי האט זי געמאכט פאר א באלעט. צום סוף פירט „חבקוק הנביא“ א מלחמה מיט א שווארצער קאץ אין דער סוכה.

אין די פערל: מענטשן וואס גלייבן אז פייגל עקזיסטירן נישט, א דאנערשטאג נאכט הינטערן באנגעלאו, און א ליד פון ביימער וואס שטייען צוזאמען. אין „היינט מיט . . . יאר צוריק“: א לעצט שטיקל פיש וואס קיינער וויל נישט אויסעסן (2006), און אן אסיפה פון מוריטשקעס וואס האבן מורא פאר א „לעדערנער מגיפה“ (2013).

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער



| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל | גיי גרין! • הוגה | 3 |
| א שמועס פון דער וואך | ווי אזוי גייט מען זיך אום מיט א הונט? • בדחן, קינות גירושין, יאיר און אנדערע | 7 |
| וויסנשאפט • נאטור | נייע באשעפענישן • יידל, יאיר און אנדערע | 9 |
| היסטאריע | דער גולם פון פראג: אן אמת'ע געשיכטע אדער פיקציע? • אמת וצדק | 12 |
| איבערלעבונגען | אוועק אין קאנטרי • hutkh, נאטורליך | 14 |
| קולטור • מוזיק | דער פייער־פויגל • moshav zekeinim, ירא שמים | 16 |
| הומאר | מיין מלחמה מיט דער שווארצער קאץ • חבקוק הנביא | 19 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 21 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 25 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • שמואל הלוי | 27 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 28 |

הויפּט־אַרטיקל

# גיי גרין!

א פרומער איד און די ענווייראנמענט: וועלדער, מיסט און פאפיר – און וואס דער „בל תשחית“ זאגט אונז היינט. פון קאווע שטיבל'ס אויסגאבע „פה-סח 2“ (2016). דער ארטיקל איז פארקירצט.

פון **הוגה**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „גיי גרין! (פה-סח 2)“ • 5טן מאי 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10447.html

ענווייראנמענט באשיצונג איז נישט א באקאנטע נושא אין אונזערע סביבות, אבער אין דער וועלט איז עס א גאר הייסע טעמע. מערערע פראיעקטן און פראגראמען זענען אונטערגענומען געווארן דורך די רעגירונגען אין די אנטוויקלטע לענדער צו באהאנדלען די ענווייראנמענט פראבלעמען וואס זענען א דירעקטע תוצאה פון דער שטארקער פארשפרייטונג און וואוקס פון אינדוסטריע און די וואקסנדע קאנסומפציע געוואוינהייטן פון דער מענטשהייט. א חלק פון די פראגראמען זענען ריסייקלינג, אטאמאבילן וואס נוצן וויינציגער ברענשטאף, אינסענטיוון צו נוצן פאבליק טראנספּארטאציע, אלטערנאטיווע ענערגיע, paperless billing, וכדומה.

האט איר געוואוסט אז אין די לעצטערע תקופות זענען פארשניטן געווארן נאנט צו זעכציג פראצענט פון די געדיכטע וועלדער איבער דער וועלט? די לעצטע ביימער וועלן פארשוואונדן ווערן בערך אין יאר 2050, אויב וועט די פראדוקציע פון דער אינדוסטריאלער וועלט ווייטער אנגיין ווי ביז היינט אן קיין חשבונות. איין און א האלב אקער פון וועלדער ווערן פארשניטן א יעדע איינציגסטע סעקונדע צוצושטעלן די באדערפעניש פון די איינוואוינער פון די אינדוסטריאלע לענדער. לויט די EPA טוען אמעריקאנער בירגער נוצן ארום א הונדערט מיליאן טאן פאפיר א יאר. ווען מען וואלט זיך באנוצט מיט ריסייקלד פאפיר וואלט עס איינגעשפארט ארום 1.5 ביליאן ביימער פער יאר און ארום זעקס הונדערט ביליאן גאלאן פרישע וואסער. פינף און זיבעציג פראצענט פון די גארבעדוש וואס מיר פראדוצירן וואלטן געקענט איבערגענוצט ווערן ווען מיר וואלטן געוועזן פולקאם פארזיכטיג אויף דעם. א יעדער מענטש פראדוצירט דורכשניטליך פיר פונט מיסט א יעדן איינציגסטן טאג, דאס איז בערך א דריי פערטל טאן מיסט פער יאר.

א יעדע קען סאדע וואס איר טוט ריסייקלען אנשטאט אוועקווארפן אין דעם מיסט, טוט איינשפארן גענוג ענערגיע צו קענען הערן א גאנצע סידי. ריסייקלען הונדערט קענס סאדע טוט איינשפארן גענוג ענערגיע צו קענען באלייכטן א צימער פאר צוויי גאנצע וואכן. ריסייקלען איין גלאזערנע באטל שפארט איין גענוג ענערגיע צו געבן עלעקטריציטעט פאר אייער קאמפיוטער אויף פינף און צוואנציג מינוט. עקספערטן זאגן אז אין זונטאג עדישאן פון די ניו יארק טיימס קען פארשניידן פינף און זיבעציג טויזנט ביימער. צו מאכן פרישע פאפיר פארלאנגט זיך זיבעציג פראצענט מער ענערגיע ווי צו ריסייקלען אלטע פאפיר.

איך בין נישט קיין עקספערט אין ענווייראנמענט פראבלעמען און אירע לייזונגען. לאמיר אפילו זאגן אז די ציפערן זענען אביסל איבערגעטריבן, לוינט זיך נישט נאכאלץ צו טון וואס מיר קענען איינצושפארן אפילו קלענערע שאדנס צו אונזער וועלטל? זענען מיר נישט מחויב מצד התורה ומצד שכל האנושי צו טון וואס מיר קענען צו מונע זיין בל תשחית און זיין געווארענט נישט מחריב צו זיין די בריאה?

לדוגמא, מיר אלע באקומען כסדר סטעיטמענטס אין דער פאסט פון דער באנק, קרעדיט קארד קאמפאניס, אינשורענס קאמפאניס וכדומה. די אלע פירמעס אפפערן צו שיקן די סטעיטמענטס דורך אימעיל און אזוי איינשפארן די פאפיר, טינט און אפילו די מאשינס וואס עס פעלט אויס צו דריקן די סטעיטמענטס. טראכט אריין וויפיל ביימער ווערן פארשפארט פון ווערן פארשניטן דורך דעם וואס די קאמפאניס דארפן נישט שיקן אזויפיל סטעיטמענטס. און דאס איז נאר איינס פון די פילע דוגמאות פונעם טאג-טעגליכן לעבן, וואו מיר האבן די געלעגנהייטן צו העלפן באשיצן די סביבה.

לאמיר דא דן זיין אין דער שאלה צי מיר זענען טאקע מחויב על פי תורה צו נעמען שריט צו מונע זיין בל תשחית און באשיצן די ענווייראנמענט אדער נישט. איך וויל קלארשטעלן אז איך בין נישט קיין פוסק; איך וועל סך הכל אראפשרייבן די שיטות ומקורות וואס זענען מיר באקאנט און די מסקנות וואס זענען קלאר פאר מיר. עס איז מעגליך אז עס זענען דא פארקערטע שיטות וואס זענען מיר נישט באקאנט. אדרבא, מיין כוונה איז ארויפצוברענגען די דיסקוסיע אויפן טיש און זאלן אנדערע לאזן הערן זייערע ידיעות און מיינונגען אין דעם נושא.

דער מקור פון בל תשחית איז אין פרשת שופטים. כי תצור אל עיר ימים רבים להלחם עליה לתפשה, לא תשחית את עצה לנדח עליו גרזן, כי ממנו תאכל ואותו לא תכרת, כי האדם עץ השדה לבא מפניך במצור. רק עץ אשר תדע כי לא עץ מאכל הוא, אותו תשחית וכרת וגו'. כאטש אפילו פון דער פשטות אינעם פסוק איז משמע אז בל תשחית איז נאר ביי א פרוכט בוים, משא"כ א בוים וואס גיבט נישט קיין פירות שטייט "אותו תשחית", זעענען שוין חז"ל מבאר אז בל תשחית איז אויך ביי ביימער וואס גיבן נישט קיין פרוכט. נאר בשעת מלחמה מעג מען משחית זיין די ביימער וואס געבן נישט קיין פרוכט אויב עס פעלט זיך אויס, און אזוי שרייבט טאקע דער רשב"ם דארט אויפן פסוק.

דער רמב"ם אין הלכות מלכים פרק ו' שרייבט אז אילני סרק מעג מען אפשניידן אפילו שלא לצורך. אבער עס איז משמע אז דער רמב"ם האלט נאר אזוי ווען עס איז נישט גורם קיין שום השחתה בשום אופן. היינטיגע טעג ווען ביימער ווערן פארשניטן אויף אזא גרויסע פארנעם און מיר ווייסן די הזיקות וואס עס איז גורם פאר דער בריאה האלט דער רמב"ם זיכער אז מען טאר עס נישט אפשניידן שלא לצורך.

איר קענט אוודאי טענה'ן אז איר שניידט דאך נישט דעם בוים אליינס איר נוצט נאר די פאפיר וואס קומט פון דעם בוים און דאס איז נאר א גרמא. ווער זאגט אז 'גורם' זיין השחתת עצים איז אויך אסור? די רמב"ם דארט שרייבט אבער קלאר אז אפילו בעקיפין, גורם זיין אז דער בוים זאל פארטרוקנט ווערן דורך אפשטעלן די אמת המים וואס באוואסערט דעם בוים איז אויך אסור, און אזוי פסק'נט מען. חז"ל גייען אפילו א טריט ווייטער און זאגן אז אפילו לצורך אכילה הייסט עס בל תשחית ווען מען קען טרעפן א מאכל וואס איז ביליגער. האי מאן דאפשר ליה למיכל נהמא דשערי ואכל דחיטי קעבר משום בל תשחית.

דער ספר החינוך שרייבט גאר שארפע דיבורים ביי דער מצוה פון בל תשחית. שורש המצוה ידוע שהוא כדי ללמד נפשנו לאהוב הטוב והתועלת ולהידבק בו, ומתוך כך תדבק בנו הטובה ונרחיק מכל דבר רע ומכל דבר השחתה. וזהו דרך החסידים ואנשי מעשה אוהבים השלום ושמחים בטוב הבריות ומקרבין אותם לתורה ולא איבדו אפילו גרגיר של חרדל בעולם. ויצר עליהם בכל אבדון והשחתה שיראו, ואם יוכלו להציל יצילו כל דבר מהשחית בכל כחם. לא כן הרשעים אחיהם של מזיקין ושמחים בהשחתת העולם וכו'.

די ווערטער פונעם חינוך זענען דאך געוואלדיג. אן ערליכער איד טוט ווי ווען ער זעט א יעדע מינדעסטע השחתה און ער וועט זוכן וועגן עס צו פארמיידן. ווידערום א רשע פרייט זיך און לאכט זיך אויס פון דעם גאנצן ענין פון השחתת העולם. די מצוה פון בל תשחית איז געגעבן געווארן משריש צו זיין אין אונזער נפש די גוטע מדה און אונז צו דערווייטערן פון א יעדן סארט השחתה.

דער חינוך דערמאנט מיר פון דער מעשה וואס ווערט געברענגט אין בבא קמא. מעשה באדם אחד שהיה מסקל מרשותו לרה"ר ומצאו חסיד אחד, אמר לו ריקה מפני מה אתה מסקל מרשות שאינה שלך לרשות שלך, לגלג עליו. לימים נצרך למכור שדהו, והיה מהלך באותו רה"ר ונכשל באותן אבנים. אמר, יפה אמר לי אותו חסיד, מפני מה אתה מסקל מרשות שאינה שלך לרשות שלך. איך קלער אז דער חסיד דא איז דער זעלבער חסיד ווי דער חסיד פון דעם ספר החינוך. דער חסיד ווייסט און פארשטייט אז די מעשים ופעולות וואס מ'טוט היינט קען האבן ווייטע קאנסעקווענצן. דער חסיד איז שטארק נזהר אז זיינע היינטיגע מעשים זאלן נישט קאליע מאכן די וועלט פאר אים און זיינע קינדער שפעטער.

מיר טרעפן אין חז"ל, ווי אויך פון פריערדיגע צדיקים, אז זיי האבן מקפיד געווען און זיך מרחם געווען אפילו אויף די קלענסטע ברואים. אויף רבינו הקדוש שטייט ההוא עגלא דהוו קא ממטו ליה לשחיטה אזל תליא לרישיה בכנפיה דרבי וקא בכי אמר ליה זיל לכך נוצרת אמרי הואיל ולא קא מרחם ליתו עליה יסורין וע"י מעשה הלכו. יומא חד הוה קא כנשא אמתיה דרבי ביתא הוה שדיא בני כרכושתא וקא כנשא להו אמר לה שבקינהו כתיב ורחמיו על כל מעשיו. אמרי הואיל ומרחם נרחם עליה. טראץ דעם וואס די שרצים זענען אים געשטאנען אין וועג האט ער זיך מרחם געווען אויף זיי. אויף הרה"ק רמ"מ מקאצק זצ"ל זאגט מען אויך אז ער האט זייער שטארק מקפיד געווען נישט צו טשעפן אפילו א דזשוק אדער א קליינע ווארעם.

---

## אן ערליכער איד טוט ווי ווען ער זעט א יעדע מינדעסטע השחתה און ער וועט זוכן וועגן עס צו פארמיידן.

---

עס איז באקאנט אז א סאך צדיקים האבן מקפיד געווען נישט אראפצורייסן אפילו איין בלעטל פון א בוים שלא לצורך. וכ"ש אז מען קען מונע זיין פון פארשניידן גאנצע ביימער און וועלדער, בפרט אז מען קען טון דעם מבוקש אויף אופנים וואס פארלאנגען נישט דאס פארשניידן ביימער, איז אוודאי אז מען דארף טון וואס מען קען. מיר ווייסן אז די תורה מאכט אן עסק דערפון אז יעקב איז צוריקגעגאנגען צוליב פכים קטנים. ערליכע אידן האבן זייער שטארק מקפיד געווען אויף בל תשחית ווייל זיי האבן פארשטאנען אז די המשך קיום העולם איז געוואנדן אין דעם.

ווען דער נושא קומט ארויף אין שמועסן צווישן באקאנטע, קען מען הערן א סאך מאל ווי מענטשן מאכן עס אוועק און לאכן אויס די

"נארישקייטן" פון די ענווייראנמענט באשיצער. א טענה וואס ווערט אפט אויפגעברענגט איז אז דער מענטש איז די בחיר היצירה און אפילו דער בעל הבית אויף דער וועלט לעשות בו כרצונו, אזוויי דהמע"ה זאגט אין תהלים והארץ נתן לבני אדם. אנדערע ווייסן גלייך צו דערמאנען דעם וירדו בדגת הים אדער דעם פסוק פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה ורדו בדגת הים ובעוף השמים וכל חיה הרמשת על הארץ. מיט דעם ווילן זיי ווייזן אז די וועלט איז באשאפן געווארן פאר דעם מענטש צו רודה זיין און געוועלטיגן דערויף, נישט פארקערט אז דער מענטש זאל איר דארפן אפהיטן. אבער דער אמת איז, לו יצוייר איר וועט קענען אויפווייזן אז משחית זיין ביימער און וועלדער וועט נישט גורם זיין א חורבן פאר דעם מין האנושי זעלבסט, נאר עס איז סתם משחית די בריאה, דארפט איר נישט קוקן מער ווי אפאר פסוקים ווייטער צו זען וואס באמת אונזער תפקיד איז כלפי די איבעריגע נבראים.

ויקח ה' אלקים את האדם ויניחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה. לכאורה דארף מען פארשטיין וואס קומט דער פסוק אונז לאזן הערן? עס שטייט דאך שוין פריער אז דער אויבערשטער האט אריינגעשטעלט אדם הראשון אין גן עדן? גיבט א קוק וואס די מדרש זאגט אויף דעם פסוק, בשעה שברא הקב"ה את אדם הראשון נטלו והחזירו על כל אילני גן עדן ואמר לו ראה מעשי כמה נאים ומשובחין הן וכל מה שבראתי בשבילך בראתי, תן דעתך שלא תקלקל ותחריב את עולמי, שאם קלקלת אין מי שיתקן אחריך. מיר מוזן אריינגעמען די ווערטער בתוך חדרי לבנו און געדענקען אז אויב מיר ווילן נישט נזהר זיין נישט צו פארדארבן די וועלט אין מי שיתקן אחרינו!

לויט דעם איז קלאר אז "רדייה" אויף דער בריאה וואס מיר זענען באפוילן געווארן, מיינט נישט אז מיר קענען טון דערמיט וואס מיר ווילן, נאר פארקערט, מיר דארפן רודה זיין אויף דער בריאה אזוי ווי א שטארקער מנהיג ושולט אויף א מדינה וואס קוקט זיך אים פאר דעם וואוילזיין פון אלע זיינע סוביעקטן פון גרויס ביז קליין. דער בורא עולם האט אונז געגעבן די כוח און אחריות אפצוהיטן אז מ'זאל נישט מקלקל זיין זיין הערליכע שיינע וועלט. מיר מוזן אפהיטן די וועלט אז די דורות העתידים זאלן ווייטער קענען הנאה האבן דערפון. אויף דעם ציל האט דער אויבערשטער אריינגעלייגט אדם הראשון אין גן עדן לעבדה ולשמרה.

עס ליגט אויף אונז א חיוב פון הדבק במדותיו. לאמיר געבן א קוק וויאזוי דער אויבערשטער כביכול פירט זיך מיט דער בריאה. ער באוואסערט און באגיסט מיט זון שטראלן אלע געוואוקסן בכל פינות העולם אפילו דארט וואו עס זעט אויס אז קיינער האט נישט דירעקט הנאה דערפון, אזוויי עס שטייט אין איוב, מי פלג לשטף תעלה ודרך לחזיז קלות. להמטיר על ארץ לא איש מדבר לא אדם בו. להשביע שאה ומשאה ולהצמיח מצא דשא. אויב דער באשעפער האט א צורך אין דעם קיום פון די ביימער און געוואוקסן, פארוואס זאלן מיר נישט טון די זעלבע? ובפרט אז מיר ווייסן היינט אז עס איז לטובתינו ולטובת קיום העולם צו באשיצן די בריאה און פארשפארן די ביימער פון פארשניטן ווערן.

[פארקירצט]

בטבע האבן מיר א צינישן בליק אויף די ענינים פון ענווייראנמענט באשיצונג און מיר האלטן זיך קלוגער ווי די עקספערטן און ספעציאליסטן וואס ווארענען אז די מענטשהייט מאכט חרוב די וועלט. "וואס ווייסן דען די חכמים? וואס פאר א שאדן קען דען נאך אפאר פאפירן גורם זיין?" און נאך ענליכע טענות ותירוצים שונים.

אן ערליכער איד א ירא שמים דארף אבער געדענקען אז די וועלט איז זיין אחריות, עס ליגט אויף אונז א חוב פונעם בורא עולם צו מאכן זיכער אז די וועלט ווערט נישט קאליע, ווייל אויב מיר ווילן מקלקל ומחריב זיין די וועלט איז נישט דא ווער עס זאל עס מתקן זיין. איך זאג נישט אז מיר דארפן זיך יעצט ארויסלאזן אויף א קאמפיין צו אפשטעלן דאס שניידן ביימער אדער צו שטיצן אנדערע פאליטישע ענווייראנמענט צוועקן. אבער עס זענען דא אפאר קלייניגקייטן וואס מיר קענען אלע טון וואס קענען האבן א שטארקע השפעה לטובה.

- בראש וראשון זאל מען מקפיד זיין אויף ריסייקלינג. די רעגירונג האט צוגעשטעלט די ריסייקלינג אינדוסטריע וואס העלפט ארויס אז מ'זאל קענען איבערנוצן פאפיר, פלעסטיק, אלומינום וכדומה. ס"ה פון אונז פארלאנגט זיך צו מאכן דאס ביסעלע אנשטרענגונג נישט ארויסצואווארפן די באטלעך, קענס, באקסעס וכדומה, נאר זיי האלטן אפגעזונדערט פון דעם אנדערן מיסט. ווען די גאנצע וועלט וואלט אלעס ריסייקלעד וואלט עס איינגעשפארט אזויפיל אומנויטיגע פראדוקציע, ביליאנען גאלאנען פון ברענשטאף וואס ווערט גענוצט אין פראדוקציע און עס וואלט אויך געהאלפן האלטן די carbon dioxide שטאפלען פון ארויפגיין. דאס איז חוץ פון דעם וואס עס וואלט געהאלטן פראדוקציע ביליגער און אין דער זעלבער צייט וואלט עס געהאלטן גאזאלין פרייזן נידעריגער.
- מען זאל זיך איינשרייבן צו באקומען paperless billing. איך האב געמאכט א חשבון אז פון אלע בילס און סטעיטמענטס וואס איך באקום אין די ביזנעס און פערזענליך (קאר, יוטיליטי, מארטגעדזש, אינשורענס, באנק, קרעדיט קארד וכו') איז עס לכה"פ 50-80 געדרוקטע בלעטער פער חודש, נאנט צו א טויזנט געדרוקטע בלעטער פער יאר. יעצט רעכן אויס וויפיל עס קומט אויס פאר גאנץ אמעריקא און פאר דער גאנצער וועלט.
- מען קען זיך אפגעוואוינען פון נוצן פלאסטיק און פאפירענע עסצייג. דאס איז אביסל א שווערע זאך, ספעציעל ווען מען

האט א משפחה מיט קינדער. אויב קענט איר נישט אינגאנצן אויפהערן דאן נעמט איין זאך (לדוגמא, גלעזלעך) וואס דאס וועט איר נאר נוצן געהעריגע און נישט פלאסטיק אדער פאום. יארן צוריק האב איך מחליט געווען אז איך וויל אויפהערן צו נוצן פלאסטיק געשיר און טעלער, אבער איך האב נישט געוואלט זיין א צדיק אויף מיין ווייב'ס חשבון, ז' איז געווען דער וואס האט געוואשן די געשיר. האב איך איינגעפירט אז נאר איך וועל נישט עסן מיט פלאסטיק עסצייג און איך וועל אליין אויסוואשן מיין טעלער לעפל און גאפל. אויסוואשן איין סעט פון עסצייג איז נישט אזוי שווער. היינט האבן מיר שוין eco friendly dishwashers און מיר באנוצן זיך כמעט נישט מיט דיספאוזעבל. געדענקט, איר מוזט נישט אלעס טון אויף איין מאל, אויב איז עס צו שווער דאן הייבט אן צוביסלעך.

- פלעסטיק בעגס איז זייער שעדליך פאר דער בריאה סיי מצד עס איז שווער צו ריסייקלען און סיי מצד אז אומצאליגע בע"ח שטארבן א יעדן טאג פון זיך דערשטיקן אויף פלאסטיק בעגס וואס ליגן אין די לענדפילס און אין די גארבידזש. געדענקט, ורחמיו על כל מעשיו. עס איז זייער גרינג זיך איינצוהאנדלען אפאר סחורה'נע בעגס וואס מען קען נוצן ווען מען גייט אין געשעפט איינקויפן אדער ווען מען דארף עפעס שיקן צו דער באבען. אויב גייט איר אין גראסערי איינצוקויפן א גרויסע ארדער דאן נעמט ענדערש אהיים די סחורה אין א באקס ווי איידער א בעג וויבאלד א באקס קען ווערן ריסייקלד.

לויט ספעציאליסטן ווערן ארום א ביליאן פלעסטיק בעגס גענוצט א יאר און נאר איין פראצענט דערפון ווערט ריסייקעלד. עס ווערט געשאצט אז אלץ א דירעקטער רעזולטאט דערפון שטארבן נאנט צו איין ביליאן בעלי חיים א יעדעס יאר.

א יעדער מענטש פאר זיך קען טרעפן וועגן און אופנים וויאזוי זיך צו פארבעסערן אינעם תפקיד פון רדו וכבשו את הארץ, כל אחד כפי תכונות נפשו. דאס מיינט נישט אז מיר מוזן יעצט ארומגיין און מאכן זיכער אז א יעדער איינער טוט ריסייקלען אדער שרייבט זיך איין אין paperless billing. מיר דארפן נישט גיין יעצט פראטעסטירן אין די גאסן און מאכן געוואלדעס. א יעדער פאר זיך קען א סאך אויפטון מיט קליינע פעולות. פארוואס זאלן מיר אידן נישט זיין די עומדים בראש המהפכה און זיין די ערשטע צו טון די פעולות? אדרבא, דאס איז אן ענין פון תורה ויהדות.

[פארקירצט]

## לויט ספעציאליסטן ווערן ארום א ביליאן פלעסטיק בעגס גענוצט א יאר און נאר איין פראצענט דערפון ווערט ריסייקעלד.

לאמיר זיך מקבל זיין פון היינט און ווייטער צו זיין מער באוואוסטזיניג און וואכזאם צו דער טובה ותועלת פון דער וועלט וואס דער בורא עולם האט באשאפן פאר אונז. לאמיר טרעפן וועגן צו טון אלעס וואס מיר דארפן אבער אויף אן אופן וואס עס שאדט ווייניגער און נוצט אויס ווייניגער פון דער בריאה. לאמיר מער נזהר זיין אין בל תשחית און טון א בעסערע דזשאב אין אפהיטן די וועלט און די איכות הסביבה. לאמיר פרובירן און משתדל זיין צו לעבן אויף אן אופן וואס איז מזיק די וועלט וואס ווייניגער און פארזיכערט א בעסערע צוקונפט פאר אונז און אונזערע קינדער.

א שמועס פון דער וואך

# ווי אזוי גייט מען זיך אום מיט א הונט?

א הונט דרייט זיך אונטער די פיס, און מען ווייסט נישט וואס צו טון. איינער שלאגט פאר טעראפי, א צווייטער א לחש פון דער מומען, א דריטער חלומ'ט פון א ווייסן הונט – און דאס ווייב איז נישט מסכים.

פון **בדחן, קינות גירושין, יאיר און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט הונט" • 5טן–10טן יוני 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3996.html

**בדחן** • 5טן יוני 2013

ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט הינט, איך רעדט פון געהעריגע הינטליך,

ווּפיל מאכט זיך אז איר גייט צו א דאקטער אפיס אדער באדי שאפ, א שאפינג סענטער אדער א ביזנעס אפויטמענט, אן אפיס פארברענגן אדער סתם א שפאציר אין גאס, און איר דערזעט זיך און א דילעמע, איר האט א פריינטליך הונט - אדער נישט אזא פריינטליכע הונט - זיך דרייען אינטער די פיס, איר ווערט דערשראקן, איר ווייסט נישט ווי אזוי צו עקטן, אין איר ווערט צו שאנד און צו שפאט לעיני כל העמים,

איך האב איינגעפירט אז איך זאג אז איך האב אן אלערדשי צו הינט, סאו איך דריי מיר ארויס פינעם פראבלעם, אבער למעשה איז עס א טאפיק וואס פאר די וואס דרייען זיך אין די גאסן קען עס צומאל זיין זייער וויכטיג,

צוריק צו דער פראגע, ווי אזוי גייט מען זיך אום מיט הינט?

**זר זהב** • 5טן יוני 2013

מורא'דיגע טאפיק! פונקט נעכטן האבעך געהאט שרעקליכע בושות, א הונט האט געבילט אויף מיר און איך האב נישט געהאט וואס צו זאגן.

**קינות גירושין** • 5טן יוני 2013

גיי פאר טעראפי!

לא יאומן כי יסופר סדרייען זיך ארום ערוואקסענע מענטשן און לויפן אוועק פון א פרידליכע באשעפעניש

כידוע זענען די הינט מורעדיגע פיינע איבערגעבענע פאר זייערע בעלבתים

כלב איז דאס ווארט "כל לב"

סאיז נישט א נארמעלע זאך מורא צו האבן א הונט

אמאליגע צייטן פלעגט מען שרייבן אויף א קמיע "הינט הינט די בווט עשוי'ס קינד וכו'"

**שמעקעדיג** • 5טן יוני 2013

קינות, לאמיר עפענען אויף לי ביי ראדני א נייע ארגאניזאציע:

"טעראפי פאר הונט מורא-האבער"!

**berlbalaguleh** • 5טן יוני 2013

„. . . אמאליגע צייטן פלעגט מען שרייבן אויף א קמיע "הינט הינט די בווט עשוי'ס קינד וכו'""

קינות: אז דו שרייבסט שוין וועגן הונט (די פיר פיסיגע) און וועגן קמיעות, זאג איבער דעם מאמר ריכטיג. ווען כ'בין געווען א קליין יונגל, און מורא געהאט פון די כלבים, האט מיין מומע (ע"ה) מיך אויסגעלערנט צו זאגן דאס פאלגענדע. והנה: הונט הונט, דו ביסט עשיו'ס הונט. איך בין יעקב'ס קינד. אז דו וועסט מיך בייסן, וועל איך דיך צערייסן...! נאר נישט אלעמאל האט עס געהאלפן. מסתמא ווייל די הונט האבן נישט פארשטאנען אידיש און לשה"ק.

**פונדעסטוועגנדאך** • 5טן יוני 2013

„. . . מסתמא ווייל די הונט האבן נישט פארשטאנען אידיש און לשה"ק."

די גאנצע פחד פון הונט איז אין דיין קאפ. עס איז עכט נישט וואס מורא צו האבן, ווייל זיי בייסן כמעט קיינמאל נישט. דיין מומע עליה השלום איז כשר גערעכט געווען, זאל זי זיין א גוטע בעטערקע. מיט אבּיסלע אמונה אין דער מסורה פון אן אלטע באבע/מומע אז די לחש איז ווירקזאם, וועסט דאך זיין ראוויג, פאלט שוין אוועק די פראבלעם.

**למדן** • 5טן יוני 2013

איז דא הונט אויף דער גאס וואס זענען יא דירעקט שעדליך? אלס יונג בחור האב איך באגעגענט דריי גרויסע הונט אין א קליין שטעטל אקראסס די סט. זיי האבן כסדר געוואלט אריבער קומען שארפנדיג די ציין און דער בעלבאס האט זיי געהאלטן אין איין צוריקרופן, כ'האב מיך שוין געזען ווי א גל של עצמות...

**טעפל** • 5טן יוני 2013

אלץ קינד האב איך אלעמאל מורא געהאט פון הונט, אבער וואוינענדיג אזויפיל יאר מיט זיי, און היינט וואס איך דאר פראטעקטן מיינע קינדער, האב איך זיך שוין אויסגעלערענט, ס'געשעט גארנישט און אויב קומט דער הונט אקעגן דיר מאכט מען אזוי מיט א קעצל לוי איהם אקעגן כאפט ער פליטתנו! נישט קיין חילוק ווי גרויס ער איז, שוין פראבירט כמה פעמים.

**יאיר** • 5טן יוני 2013

אה, מיין חלום איז צו קענען האלטן אינדערהיים א הערליכע ווייסע הינט מיט א לאנגע ווייכע ווידל. מיין ווייב טענה'ט אבער אז עס איז אדער זי אדער דער הונט, און איך האלט אינמיטן מחליט זיין וואס צו באשליסן. אויף אזויפיל פרוביר איך יא צו פועל'ן זי זאל איינגיין אויף א קליינע קעצעלע. הינט און קעץ זענען דאך זועלכע וואונדערליכע באשעפענישן, ממש א מתנה פון גאט. מען דארף נאר זיין גוט צו זיי, און זיי טריעטן דיך הערליך, זיי זענען געטריי, הארכזאם, פאלגזאם. וואס נאך דארף מען? איך בין שוין אזוי נמאס פון לעבן מיט דעם מענטשליכן באשעפעניש.

**יואב** • 5טן יוני 2013

„. . . איך בין שוין אזוי נמאס פון לעבן מיט דעם מענטשליכן באשעפעניש."

וכדברי אותו חכם. The more i see people, The more i like dogs (אדמו"ר מסעוויטשענעשאן שליט"א)

**קאווע טרינקער** • 5טן יוני 2013

יאללה.... א נייע ארגאנעזאציע חסידים-פאר-הונט...

**משולם שטיינפעלד** • 5טן יוני 2013

אין אגרות משה איז דא א תשובה צו א בלינדער מעג ארייננגיין מיט זיין קוק-הונט אין א בית המדרש.

דאכט זיך מיר ער האט דארט א שמועס סתם אזוי איבער דעם ענין פון מגדל זיין א כלב בתוך ביתו.

---

יאיר, איך פארשטיי דיין רביצין, זי האט מורא אז די הונטל וועט זיך באקוועם מאכן אין שטוב, אין דעם עול פון ארומגיין אפאר מאל א טאג כאפן א שפאציר מיטן הינטל גייט בלייבן אויף איר אחריות, אין דעם חלק פון זיך שפילן מיטן הונטל גייסטו האבן. זאג איר צו אז חלק כחלק גייסטו האבן אין דעם אחריות פון ארויסנעמען דעם הונטל אויף דער גאס, כדי ער זאל קענען מקיים זיין דעם מאמר חז"ל ככלב השב אל קיאו.

**שמעקעדיג** • 5טן יוני 2013

„. . . א נייע ארגאנעזאציע חסידים-פאר-הונט..."

הממם.. צו שארף. לאמיר אנהויבן מיט "חסידים פאר פעטס" (נישט פעטש). וואס איז ראנג מיט א קליין זיסע COZY האזעלע?

**טשולענט** • 5טן יוני 2013

„. . . איך האלט אינמיטן מחליט זיין וואס צו באשליסן."

האלטסט אימיטן מחליט זיין וואס צו מחליט זיין, אהא.

**איציק** • 10טן יוני 2013

„. . . א הונט האט געבילט אויף מיר און איך האב נישט געהאט וואס צו זאגן.“

נעמט עס נישט פערזענליך. מיר מאכן דאס מיט מעשים בכל יום...

דער הונט בילט און די באן פארט ווייטער!

**איציק** • 10טן יוני 2013

„. . . סאיז נישט א נארמעלע זאך מורא צו האבן א הונט“

מ'דארף נאכנישט גיין אויף טעראפי, און ס'איז אויסדרוקליך יא א נארמאלע זאך אז א מענטש וואס איז נישט אויפגעוואקסן ארום הונט האט מורא פון זיי.

ביי אונז פלעג מען זאגן דעם פסוק: ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו.

**berlbalaguleh** • 10טן יוני 2013

ס'איז נאר דא איין פראבלעם. נישט אייביג פארשטייט דער הונט לשה"ק.

**איציק** • 10טן יוני 2013

און צומאל לאזט דער הונט נישט זאגן א פסוק, כידוע די מעשה (מיט'ן הייליגער מלבי"ם דאכצער).

---

**וויסנשאפט • נאטור**

# נייע באשעפענישן

א מאלפע וואס ניסט ווען עס רעגנט, א ווארעם א מייל אונטער דער ערד, א שפין אן אויגן און א פראש וואס פליט: נייע מינים חיות און געוויקסן וואס מ'האט אנטדעקט אין 2012. די בילדער פונעם אשכול זענען אראפגענומען.

פון **יידל, יאיר און אנדערע**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „ניי-אנטעדעקטע מינים (species) פון חיות“ • מאי 2012 – יאנואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/694.html

---

**יידל** • 23סטן מאי 2012

מען האלט אין איין אויפדעקן נייע און פרישע מינים פון חיות, בהמות, פיש און אינסעקטן. (אין דער וויסנשאפטליכער וועלט, ווערט א מין עפ"ר גערעכנט לויט מיט וועם די חיות זענען זיך מזווג, ווי אויך לויט אויסערליכע און אינערליכע כאראקטערן. אין דער תורה, להבדיל אא"ה, איז דער טייטש פון מין ברייטער, ואכמ"ל.) פאלגנד זענען 10 פון די נייע מינים וועלכע זענען אנדעקט געווארן אין דער לעצטער יאר צייט.

די ערשטע איז א נייע מין דזשעלי-פיש. דער דזשעלי פיש באלאנגט צו א גרופע דזשעלי-פיש וועלכע ווערן אנגערופן "Bonaire banded box jellyfish" און זענען זייער שיינע פיש, און אויך זייער גיפטיג. די אייגנארטיקייט פון דער גרופע דזשעליפיש איז אז זיי פארמעגן דעם חוש

הראיה, אנדערש ווי אלע אנדערע מינים דזשעלי-פיש. די נייע מין האט מען אנטדעקט אויף אן אינזעל אין די דאטש קאריביענס און איז געגעבן געווארן געם נאמען "טעמאיא אהבוי - Tamoya ohboy", על שם די אויסשריי פון "!Oh boy" ווען מ'באקומט א שטעך דערפון.

די צווייטע איז א מאלפע וועלכע מ'האט געטראפן אין די וועלדער פון בורמא א נאמען געגעבן Rhinopithecus strykeri. די מאלפע האט א נאז וועלכע איז אויסגעדרייט אויף ארויף, עד כדי כך אז ווען עס רעגנט הערט עס נישט אויף סניזן פון דעם רעגן וואס רינט אריין אין איר נאז. לויט געוויסע פארשער, זיצט די מאלפע מיט איר קאפ צווישן די פיס ווען ס'רעגנט כדי נישט צו ווערן אנגעפילט מיט דעם וואסער וועלכע רינט אריין דורך דער נאז...

די דריטע אויף דער ליסטע איז דער ווארעם וועלכע מ'האט געטראפן די טיפעסטע אין דער ערד, כמעט א מייל אראפ, טיפער פון סיי וואספארא ווארעם וועלכע מ'האט שוין אנטדעקט. דעם ווארעם האט מען געטראפן אין א גאלד מינע אין זיד אפריקע און ויקרא שמה בישראל שטן'ס ווארעם (Halicephalobus mephisto אין לאטייניש) על שם די היץ און פרעשור וועלכע דער ווארעם דארף אויסהאלטן אזוי טיף אינטער דער ערד. דער ווארעם איז גאר פיצל, קוים 0.02 אינטשעס, און דאס בילד איז געכאפט געווארן מיט א מיקראסקאפ.

**יידל** • 23סטן מאי 2012

די פערטע מין וועלכע מ'האט אנדעקט דאס יאר איז א וואספ wasp, וועלכע מען האט אנדעקט אין מאדריד, שפאניע. עס איז גאר קליין, אביסל קלענער ווי א האלבע אינטש, און לעבט אויף מוריטשקעס.

די פיפטע אויף דער ליסטע איז אייגנטליך נישט קיין בעל חי נאר א געוויקס. דאס איז א מאדנע ספאנדזש-שוועמל, וואס מען האט אנטדעקט אין די וועלדער פון מאלאזיע.

די זעקסטע איז דער ריזיגער מיליפיד (פיל-פיסיגער), וועלכער איז באלד אזוי גרויס ווי א ווארשטל, ויקרא שמו "Crurifarcimen vagans" - אין אידיש "וואנדערדיגע פוס ווארשטל". דער מיליפיד האלט די רעקארד פון דעם לענגסטן מיליפיד היינטצוטאגס. מען האט עס אנדעקט אין די מזרח ארק בערג אין טאנזיע.

**אברעמעל** • 25סטן מאי 2012

שכוח יידל פארן די ידיעות,

זענען די בעלי חיים טאקע ממש ניי? איז נישט דא א ספק פערצופאל אז דאס קומט פון צוויי בעלי חיים וכדו'?

**יידל** • 29סטן מאי 2012

„. . . זענען די בעלי חיים טאקע ממש ניי? איז נישט דא א ספק פערצופאל אז דאס קומט פון צוויי בעלי חיים וכדו'?"

ווען ס'קומט פון צוויי בעלי חיים הייסט דאס אויך ניי. על פי דרך הטבע איז כמעט נישט מעגליך אז צוויי אנדערע מינים זאלן זיך מזווג זיין. אויב געשעט דאס נאטורליך, איז עס גענוג חשוב אז דער קינד זאל ווערן אנגערופן "ניי".

**יידל** • 30סטן מאי 2012

די סקעלעטאן פון א חיה וועלכע זעט אויס ווי א "גייענדע קאקטוס בוים" איז געפונען געווארן אין דרום-מערב כינע.

א בלום פון וועלכע מ'האט נישט געוואוסט ביז היינט איז אנטדעקט געווארן אין די דזשונגעלן פון פאפא ניו גינע. די בלום האט א מערקווירדיגע נאטור - עס וואקסט נאר ביינאכט. עס האט באקומען א פאסיגן נאמען - "נאכט-וואקסנדע ארטשיד".

א בלויע טאראנטולע איז געפינען געווארן אין בראזיל. די טאראנטולע ווערט באצייכנט דורך די וויסנשאפטלער אלס "הערליך". איך זע נישט די הערליכקייט פון דעם בריה, אבער פאר די פארשער וועלכע שטודירן די פיצינקע באשעפענישן א גאנצן טאג, איז די שיינע בלויע קאליר כמים קרים על נפש עייפה.

א ניי-אנדעקטע פאפי בלום וועלכע וואקסט אין די הימעלייען בערג אין נעפאל.

**יידל** • 7טן אויגוסט 2012

אין פערו, זיד אמעריקע האבן אפאר יונגע סייענטיסטן פון די פאראייניגטע שטאטן זיך אנגעשטויסן אין א מין פויגן וואס איז קיינמאל פריער געזען געווארן. דעם פייגל האט מען א נאמען געגעבן "סירא בארבעט" נאך צוויי פון די סייענטיסטן וואס האבן עס אנדעקט.

פערו איז א פלאץ ווי מען האלט אין איין טרעפן נייע מינים.

א האלב יאר צוריק האט מען אנדעקט א קאלארפולע ליזערד וואס איז אויף ביינאכט און שלאפט בייטאג

**יידל** • 8טן אויגוסט 2012

די פאלגענדע מעשה איז שוין טאקע א חידוש. א קאליפארניע סטעיט פארשער האט געשטופט צייט אנליין אויפן בילדער-שעירינג סייט "פליקר". ער האט זיך אנגעשטויסן אין א בינטל בילדער פון א מין היישעריק וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געזען. ער האט געאימעילט אפאר פון זיינע חברים אבער קיינער האט נישט געוואוסט וועלכע סארט היישעריק דאס איז. נאכן דורכשמועסן מיט אסאך עקספערטן, זענען זיי געקומען צו דער החלטה אז דאס איז טאקע א נייע אנטדעקטע מין היישעריק. די פארשער האבן זיך פארבינדן מיטן פאטאגראפירער און ער האט זיי פארציילט אז ער האט געכאפט די בילדער אין א מאלאזיער דזשונגעל. די פארשער זענען אראפגעפארן אהין און וואו זיי האבן טאקע אנטדעקט דעם היישעריק. און אז מען האט איר שוין אין דער האנט קען מען דאך איר שוין א נאמען געבן. ויקרא שמה בקאליפארניע סעמאכריזע דזשעיד.

**יידל** • 9טן אויגוסט 2012

האנסטמאן ספיידערס זענען א באקאנטע מין. אבער האנסטמאן ספיידערס אן אויגן איז שוין א צווייטע מעשה. די מאדנע באשעפעניש האבן פארשער אנדעקט אין א טינקעלן הייל אין לאאוס ( א לענדל נעבן טאילאנד).

**יידל** • 12טן סעפטעמבער 2012

עס איז היינט פארעפנטליכט געווארן אן אקאדעמישער פאפיר איבער א ניי אנטדעקטע מין חיה וואס מ'האט זיך נישט פארגעשטעלט אז עס קען נאך פאסירן היינט צו טאגס. די רעדע איז איבער א מאלפע וועלכע איז געפונען געווארן אין די דזשונגלען פון קאנגא. די מאלפע איז אן אויסערארדנטליכע מאלפע און האט גאר אינטערעסאנטע שטריכן. די מאלפע איז געפונען געווארן דורך א צופאל. דזשאן הארט, וועלכער שטודירט שוין די דזשונגלען פון קאנגא פאר צענדליגע יארן, האט פאר פינף יאר צוריק געגישטערט צווישן בילדער פון א קאנגאער דזשונגעל וועלכע זענען גענומען געווארן דורך לאקאלע איינוואוינער. איינע פון די בילדער זענען געווען פון א 13 יעריג מיידל מיטן נאמען דזשארדזשעט און א קליינע מאלפע. הארט האט גלייך באמערקט אז די מאלפע איז א מין וועלכע איז אומבאקאנט צו אים. ער האט אנגעהויבן נאכצופארשן וואס די מאלפע איז און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דעם מיידל'ס פעטער האט געכאפט די מאלפע אויף א יאגד און דאס מיידל האט זיך אנגעשמעקט די מאלפע אלס פעט. די לאקאלע איינוואוינער האבן א נאמען געגעבן דער מאלפע "לעסולע". הארט האט נאכגעפארשט די זאך און נאך פינף יאר שווערע פארש ארבייט האט הארט היינט פובליצירט א דעטאלירטע פאפיר איבער דער ניי-געפינענער מאלפע. דער אפיציעלער נאמען פון דער מאלפע איז Cercopithecus lomamiensis. די מאלפע האט אן אינטערעסאנטן שטריך אז ביים זכר איז זיין גאנצע אונטן העל בלוי, ווארשיינליך כדי צו ציען די נקיבות צו זיך.

**יאיר** • 15טן דעצעמבער 2012

פארשער האבן אנטדעקט א נייע סארט לוריס. דאס איז א זיסע חי'לע וואס איז ענליך צו א מאלפע און איז אפשטאמיג פון דער זעלבער משפחה, און אסאך מענטשן האלטן דאס אלס א שטוב-חיה (pet). עס איז נאר אקטיוו ביינאכט, דערפאר האט מען עס ביז יעצט נישט באמערקט, און דאס איז דער איינציגסטער סארט לוריס וואס האט א גיפטיגע ביס.

**יאיר** • 15טן יאנואר 2013

נייע סארט גרויסע פליעדיגע פראש אנטדעקט אין וויעטנאם. זי קען פליען פון איין בוים צום צווייטן.

**יתרו** • 17טן יאנואר 2013

נאך איין מזל מען האט עס אנדעקט, שטעל דיך פאר וואס וואלט געווען ווען מען אנדעקט עס נישט, וואס? גארנישט.
בדרך אגב איך זע נישט קיין פליגלעך, ווי אזוי פליט ער?

**יידל** • 17טן יאנואר 2013

ער "פליעט" מיט די וועבד פינגער

ווען מ'אנטדעקט ווען גארנישט וואלטן מיר נאך געלעבט אין דער מיטל-אלטער עפאכע.

היסטאריע

# דער גולם פון פראג: אן אמת'ע געשיכטע אדער פיקציע?

ווער איז געווען דער מהר"ל, ווען ווערט דער גולם צום ערשטן מאל דערמאנט, און וואס זאגן די מקורות? א היסטארישע אויספארשונג אין עטליכע טיילן, דא שטארק פארקירצט.

פון **אמת וצדק**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „דער גולם פון פראג, אן אמת'ע געשיכטע אדער פיקציע?" • 2טן–4טן אפריל 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16038.html

פסח איז שוין אט אט דא, און אמאל איז דאס געקומען מיט א פחד ורעדה פון די בלוט בלבולים. באקאנט איז דער גולם פון פראג וואס דער מהר"ל מפראג האט כלומר'שט באשאפן צו ראטעווען די אידן פון די בלבולים. אבער איז דער גולם טאקע אן אמת'ע געשיכטע וואס האט פאסירט און די ווייטע פארגאנגענהייט אדער איז עס גאר אן אויפגעטראכטע געשיכטע?

קודם כל ווער איז געווען דער מהר"ל מפראג:

דער מהר"ל מפראג - מ'ורינו הרב ר'בי יהודה ל'וואי, איז געבוירן אין יאר רע"ב - 1512. (יש אומרים אין יאר ר"פ) אין שטאט פוזנא צו זיין פאטער רבי בצלאל.

[פארקירצט]

דער מהר"ל האט אנגעהויבן זיין רבנות קאריערע אין יאר ש"ג, מיטן ווערן הויפט רב פון גאנץ מדינת מעהרין מיט איר הויפטקוואטיר אין ניקלשבורג, ער האט זיך באקאנט געמאכט מיט די פילע תקנות וואס ער האט איינגעפירט דארט, אין יאר של"ג האט ער פארלאזט דעם אמט און זיך באזעצט אין פראג און מרביץ תורה געווען אינעם קלויז פון ר' מרדכי מייזל.

נאך עלף יאר אין יאר שד"מ האט ער פארלאזט פראג און געגאנגען קיין פוזנא צו ווערן רב, נאך פיר יאר האט ער זיך צוריקגעקערט קיין פראג, אין דעם תקופה האט ער זיך געטראפן מיטן קעניג רודאלף דער צווייטער - אין יאר שנ"ב - 1592 יום א' ג' אדר, ווען ער איז געווען אלט בערך צוויי און זיבעציג.

זיין תלמיד רבי דוד גאנז דערמאנט די באגעגעניש אינעם ספר צמח דוד און שרייבט: והקיסר רודולפוס ברוב חסדו ואמתו שלח אליו את הגאון.. וקבלו בספר פנים יפות, ודיבר איתו פה אל פה כאשר ידבר איש אל רעהו, ומהות ואיכות הדברים סתומים וחתומים ונעלמים הם.

[פארקירצט]

ח"י אלול שס"ט-1609, איז דער מהר"ל אוועק פון דער וועלט. דאס מיינט (לויט דער גירסא אז ער איז געבוירן אין יאר רע"ב) אז ער איז נפטר געווארן אינעם טיפן עלטער פון 97.

## ווי זעט מען דערמאנט אין דער אידישער היסטאריע דער געדאנק פון א גולם

און יעצט צום גולם. דער ענין פון באשאפן א גולם לויטן ספר יצירה איז נישט קיין נייע, רש"י שרייבט אין ספר איוב אויפן פסוק "כי אלקים הבין דרכה" (כ"ח, כ"ג): נסתכל בה וברא את העולם באותיותיהם, כסדרם ומשקלן יצר כל היצורים כאשר כתוב בסוד ספר יצירה.

[פארקירצט]

אזוי אויך שרייבט דער תלמיד פונעם ווילנא גאון רבי חיים מוולאזשין אין דער הקדמה אויף זיין רבינ'ס פירוש אויף ספר ספרא דצניעותא, אז די גר"א האט אנגעהויבן צו באשאפן א גולם.

[פארקירצט]

עכ"פ זעען מיר אז במשך הדורות האבן פארשידענע גדולי ישראל באשאפן גולמות פאר פארשידענע סיבות, איז נישט אזא חידוש בעולם היהדות דעם גולם וואס דער מהר"ל האט כלומר'שט באשאפן.

## אונזער באקאנטער 'יאסעלע גולם פון פראג, ווי ווערט ער צום ערשט דערמאנט?

צוריק צום גולם פון פראג. שטעלט זיך די שאלה ווער איז דער ערשטער צאמצושטעלן דעם גולם מיטן מהר"ל? איז פרופ' אלי אשד שרייבט אז דער מקור איז דעם בוך "שפינוזה" פון ברטולד (ברוך) אוירבך וואס איז געדריקט געווארן אין דער דייטשער שפראך אין יאר 1837, אבער שמעון שטיינמץ שרייבט אויף זיין

בלאג (on the main line) אז די פריעסטע מקור איז אינעם בוך dische Gil BlasüDer J- דער איד גיל בלאס, פון יאר 1834 ארויסגעגעבן דורך איינער יוסף זליגמן.

דאס ערשטע מאל מיר באגעגענען דעם גולם פון פראג ברמז אין א "היימישן" ספר איז אין בני יששכר ("געדריקט" שנת תר"ו - 1846, "געשריבן" געווארן נאך פארדעם) ווי ער שרייבט אויפן מהר"ל (מאמרי כסלו-טבת, מאמר ב' אות כ"א): ידוע שדבריו נאמרו ברוח הקודש "והיה משתמש בספר יצירה". אבער ווידער ער שרייבט נישט קלאר ארויס וואס ער מיינט.

[פארקירצט]

אין תרט"ז-1857 זעט מען ווי דער בעל השי"ר- ר' שלמה יהודה ראפופורט אב"ד פראג, מקום מגוריו של המהר"ל (דער איידעם פונעם קצות החושן), האט שוין געפינען פאר וויכטיג צו לייקענען דעם גולם. ווי ער שרייבט אין ספר גל-עד "איך שאבו ממקור אכזב המגידים בעלטה את השמועה המתפשטת בין אוהבי גוזמאות כי עשה רבינו ז"ל גולם.

[פארקירצט]

## סוף דבר: יוסלע גולם און אמת'ע געשיכטע אדער פיקציע?

עכ"פ צוריק צו דער גרויסער שאלה האט דער מהר"ל באשאפן א גולם צי נישט? איז דער חוקר קבלה גרשון שלום שרייבט (אנציקלופדיה עברית כרך י' ערך גלם): אין לאגדה זו כל אחיזה היסטורית בחיי המהר"ל או בדורות הקרובים לזמנו, היא הועברה מר' אליהו מחלם אל המהר"ל רק בזמן מאוחר יותר, כנראה במחצית השניה של המאה ה18. עכ"ל.

מען זעט טאקע ענליכקייטן פון די צוויי גולם געשיכטעס. די מסורה פון זקני חעלם איז אז דער גולם ליגט באהאלטן אויפן בוידעם פונעם בית הכנסת הגדול אין חעלם, און ס'איז געווען מקובל ביי אנשי חעלם נישט אהינצוגיין צוליב אן אומגליק וואס האט פאסירט צו איינעם. ממש אזוי ווי מען זאגט אויפן גולם פון פראג.

אויב וואס גרשון שלום זאגט איז אמת קען מען אפשר זאגן אז מען האט אויפגעטוישט רבי אליהו בעל שם מיטן מהר"ל, צוליב דעם וואס דער מהר"ל איז געווען מער מפורסם, נאכדערצו וואס ער האט געהאט אן אודיענץ ביים קעניג (עד היום איז דער מהר"ל גאר שטארק מפורסם ביי די גוים אין טשעכיי) האט עס געפאסט מער אויף אים..

[פארקירצט]

איי זאל מען גיין בודק זיין אויפן בוידעם פון דער אלטניי שול אויב מען זעט דעם גולם דארט, אזוי ווי הרה"ק רבי יצחק מסקווירא האט דערציילט, און ווי עס שטייט אין נפלאות מהר"ל? איז אין ספר יצירה פון הרב עקשטיין שטייט אז א חכם אחד האט אים דערציילט אז ער איז געווען אויפן בוידעם פון אלע שולן אין פראג אין גארנישט געטראפן, און ער האט ארומגעפרעגט אין פראג אויב איינער ווייסט פון דער שמועה אז דער גולם ליגט אויפן בוידעם און קיינער האט נישט געוואוסט צו ענטפערן, אזוי אויך די שמש פון דער אלטניי שול האט אים ארויפגענומען אויפן בוידעם אין געוויזן מיטן פינגער אויף דעם חכם אחד אז ער איז דער גולם ווייל ער גלייבט די שמועה אז עפעס א גולם ליגט אויפן בוידעם..

[פארקירצט]

איז סוף דבר בין איך מער נוטה אז דער גולם פון פראג איז נישט קיין אמת'ע געשיכטע נאר פיקציע, איי דער בני יששכר שרייבט "וידוע שדבריו נאמרו ברוח הקודש, והיה משתמש בספר יצירה" איז מוז נישט זיין אז ער האט דאס געהאט בקבלה, נאר שרייבט וואס איז "ידוע". אזוי אויך ווען דער בוטשטאטש'ער רב האט עס פארציילט שטייט "אמר ששמע שהגור אריה עשה גולם" דהיינו ער האט געהערט פארציילן. אזוי אויך האט רבי יצחק מסקווירא געזאגט: "כידוע ומפורסם ענין זה". און זיי זאגן נישט "שמעתי מרבותי" וכדומה. אבער ווער ווייסט אפשר איז דאס אריבער מפה לאוזן פאר אסאך דורות, און איז מאיזה סיבה שהוא, נישט דערמאנט געווארן בכתב. [...] למעשה קען קיינער נישט זאגן אויף זיכער יא גולם צי נישט. וועט מען דארפןווארטן אויף אליהו הנביא, ותשבי יתרץ קושיות ובעיות.

איבערלעבונגען

# אוועק אין קאנטרי

א וויליאמסבורגער אינגערמאן האט נישט געוואלט פארן אין קאנטרי. דאס ווייב האט געוואלט. דער ערשטער טייל פון „נאטורליך'ס טאגבוך פון די קאנטרי", זומער 2005: מוריטשקעס, רעגן, פליגן־כאפער'ס און א שאוער וואס נעמט א דריי פערטל שעה.

פון **hutkh, נאטורליך**

היימישע שטותים / היידפארק • היימישע קרעטשמע • „נאטורליך'ס טאגבוך פון די קאנטרי" • 5טן–9טן אויגוסט 2005
https://heimisheshtusim.sites.tab.bot/t/1503945.html

**hutkh** • 5טן אויגוסט 2005

שוין זעקס יאר חתונה געהאט צום גיטן, דריי קליינע שעפעלעך, גאנץ א כמעשה דירה'לע דא אין וויליאמסבורג, קוים אדורך דעם פסח בשעטו"צ, איך זיץ אין דער ארבייט איבער א געהויפן פאפירן און די רבנית הצדיקת איז ווידער אויפן טעלעפון איך זאל היינט אהיים קומען ווי פריער זי וויל עפעס אדורך-שמועסן. עס ווערט מיר טונקעל אין די אויגן, נישט מער און נישט ווייניגער איך האב איר צוגעזאגט אוועק צוטראגן די פסח געשיר א טאג נאך פסח זיכער ווארט מיר אפ א שבע ברכות אינדערהיים, איך קום אהיים אביסעל פריער גרייט צו מקבל פסק זיין, אבערוואו די טעמע זעט אויס צו זיין גאר געשפאנט, עפעס איז זי אנגעצויגן, זי מאכט נישט קיין לאנגע הקדמות נאר זאגט מיר ברחל בתך דאס יאר זאל איך נישט קרימען מיט דער נאז וויל היי יאר גייט מען אין קאנטרי און טאקע אויף א גאנץ זימער, דו זעסט דאך מיר פעלט דאס אין אמת'ן אריין נישט אזוי אויס אבער די קינדער, ווי קען מען זיי לאזן דא אין די היצן אליין אין דער שטאט?

וויפיל איך האב פרובירט צו טענ'ן און איינבעטן, כ'האב שווער צו צאלן דעם רענט צייטליך, ס'איז מיר נישט אנגענעם צו פארן און קומען, ס'איז מיר נישט באטעמ'ט צו זיין אפגעזונדערט פון דער פאמיליע 5 טאג א וואך, איך האב נישט ליעב צו דרייוון, פשוט איך האב נישט דערפון קיין פארגעניגן, עס העלפט נישט קיין געוויין און געבעט. דער טעלעפון צוקלינגט זיך און מיינע אויערן כאפן נאר אויף "נו גיט סיז געבליבן מיר וועלן נעמען דריי באנגעלויס דו און איך און גיטל... און שוין....מיט יאנקעל איז אלעס ארלעדיגט.

[פארקירצט]

דאס הארץ צאפעלט. עס ווערט נענטער צום יום הגדול, איך דערמאן זיך אין די האני-מאאן ווען מיר זענען געפארן קיין לאנדאן צום זיידן עס איז געווען דאס ערשטע מאל אויף א פליגער. מען האט געפלאנט ענדלאוז נעכט. געווי אזוי פילן מיר אין די טעג. הייטער און האפענדיג אויף דער מינוט ווען מיר וועלן זוכה זיין צו זיצן אינטעטן באנגעלוי ביים עק וואלד אינטער דעם געוויש פון די קריקעט'ס אויף דעם גרויסן בענקעל וואס נאר אין די קאנטרי איז מותר אויף איר צו זיצן איש ואשתו אין רשות הרבים. א טייל זענען אפילו מקיל צו עסן אייז קריעם אזוי בפני כל עם ועדה. מיר האבן געקויפט איין גרויסע נאגיאר וואס מען קען אויסצוען אלל דע ווערי און איינס א געהעריג צוואם-לייג בענקעל. זי זאגט אז שבת וועל איך קענען נעמען דאס גרויסע. א שיינעם דאנק פון פאראויס.

[פארקירצט]

מיט א רחמנות'דיגע בליק אויף די אינטער געבליבענע אין שטאט זעצן מיר זיך אריין אין די קאר בשעה טובה ומוצלחת, איין מינוט, וואס איז? מען כאפט נאך אריין צו קאלן נאך אפאר גיטע פארבליבענע פריינד, זיך צו געזעגענען פאר מע פארט אוועק אויף אזוי ווייט, אלע געפעק איז אין דער וואן, נאך איין מוניט, איעדער זאל שוין ארויס גיין אין ביה"כ, אקעי יעצט קען מען פארן. מיר פארן ארויס אין דער זעלבער צייט ווי די פעקלעך, די קינדער אנגעטון חתונה'דיג איינגעפאקט סענדוויטשעס מיט דרינק'ס, געים'ס און מוזיק טעיפס וואס מען האט ספעציעל געקויפט פאר דער רייזע. עס איז נאך זיבן אין אווענט ווען איך דערזע מיך אויפן 17 מיט נאך אנדערע לאקי קאנטרי רייזענדע. אהה זעסט דאס איז דאך די גרינפעלד'ס פון דיין מאמע'ס בלאק ער איז א כולל אינגערמאן און זיי האבן נאר צוויי קינדער און גייען אויך אין קאנטרי, וואס האב איך דיר געזאגט מען קען נישט אנדערש.

די קליינע זינגען אין וויינען, נודשן און טאנצן, שוין אויפגעגעסן אלע נאש מיט דרינק'ס. שלאפט דאס גאנצער געזינדעל ווי ביי דער נסיעה קיין קאנאדא פאראיאר. שוין אפגעשטעלט צו כאפן א מנחה, געגומען געז און כוקן ורגיל

געקויפט דארט עפעס ניסלעך מיט א קאפי. מיר זענען שוין אין קאנטרי.

נאכעץ'ן זיך אויס פאקן, איך האב אליין נישט געגלייבט וואסארא גרויס פארמעגן עס פיט אריין אין א 16 פעסענדזשער ווען, עס איז געווען פיל מיט באקסעס, עיר קאנדישען'ס, אלע שפילצייג און וואס נישט. דער ווען דרייווער האט מיט א זויער פנים אריין געטראגן די פאר בעג'ס דאכענעס און מיך מכבד געווען אריין צו שלעפן אלע באקסעס זאגענדיג ער גייט כאפן א ציגרעטעל, א שעה דערויף קומט ער צוריק פארציילענדיג אז ער איז געגאנגען כאפן א שווים מיט נאך אפאר זריזין מקדימין אינגעלייט. נישט וויסענדיג אז מען מיז אנצייכענען איעדן באקס וואס עס ליגט אינעווייניג, האט זיך ערשט אנגעהויבן א געזיכעניש די ערשטע האט מען פארשטייט זיך געדארפט די פידזשאמעס זאלן די קינדער גיין שלאפן, איי עס איז נאך נישט אזוי שפעט? זיי ווילן זיך אומקוקן. אבער וואס טיט מען נישט פאר די קינדער? די גאנצער קאנטרי איז נאר פאר זיי.

פון עש"ק 8:00 אינדערפרי, ביז 15 מינוט פאר'ן זמן ש"ק בין איך געווען 3 ביי וואל מארט, 1 מאל אין געז סטעשיאן, 2 מאל אין דער שכינות'דיגער קעמפ אין מקוה. דארט זאגן די מבינים איז די שויער'ס גאר געשמאק, צו דער זעלבער צייט האב איך זיך אנגעהערט אזויפיל לשון הרע'ס די והותר פאר א גאנץ זימער. פארשטייט איר אליין איך בין גארנישט מקבל. נאך אזאך בין איך געוואור געווארן דארט אין מקוה אז מיין שוואגער האט די לענגסטע בארד אין גאנץ וויליאמסבורג. אויך איז ער מיר מסביר זיינעדיג אין בור אז דער גאנצער טעם פארוואס ער שיקט די העמדער צום דריי קלינער'ס איז כדי ער זאל האבן א פאפען-דעקעל אויף ווי צו לייגן זיינע נאסע פיס אין מקוה.

6 מאל בין איך פרייטאג געגאנגען אין גראסערי, 1 מאל אין פיצא סטאר, 1 מאל אין פארמאסי,1 מאל אין בעקערי (30 מינוט געשטאנען אין דער לייען צו קויפן חלות) ווען נישט עס קומט דער שבת ביז איינינע סעקונדעס בין איך נאכאמאל ביי וואל מארט קויפן א קראק-פאט וואס מען האט אויף פארגעסן אין שטאט. ליכט האט מען געבארגט פונעם שכן. די געז רענטש וועט האפענטליך ארבייטן קומענדיגע וואך, האט מען געטראגן דעם טשאלענט צי די שוועסטער וואס האט נאר פלאץ ביים עק פינעם בלעך ווייל די געז רענטש איז גאר קליין. אהה די קאנטרי איז א מחי'ה.

די שאוער דויערט פאר דער רבנית הצדיקת א דריי פערטעל שעה צוליב דעם שוואכן פלוס פון וואסער און אויך ווערט עס קאלט איעדע 15 סעקונעדעס און גלייך דערנאך בריעדיג הייס און צוריק קאלט אן קיין שום ווארענונג. וואס וועט שוין זיין די קומענדיגע וואך ווען אלע קאנטרי איינוואוינער וועלן שוין זיין דא און דער באנוץ וועט זיין גרעסער? די וואך רעגענט אזוי, מיט אזעלכע רעגענעס מיין איך לוינט זיך ליבערשט צו וואשן אין דער גאס.

מען דארף גיין אין שול די קינדער זענען נאך נישט צוריק אין באנגעלוי, עס רעגענט ווי קענען זיי יעצט זיין? עס איז האמיד, עס איז הייס, ס'גיסט אלעס איז מאראסטיג אלעס קלעבט, די קינדער גייען אין ווינטער שטיוועל עס איז אבער אלעס כדאי, מען קומט דאך נאר פאר זיי, איך קען אפילו נישט עסן דעם טועמי' אין פארטש ווייל עס רעגענט אריין פון אלע זייטן און איך האב עס מורא צו זאגן הויעך אבער עס דוכט זיך מיר אז די בינען האבן אויך אזוי ליעב דייקא מיין באנגעלוי, פונקט ווי די עקרת הבית. והשלישית האב איך מורא אז די קיגעל וועט זיך צו קלעבן צו איינע פון די 7 פליגן כאפער'ס.

אן אויפגעלייגטער שכן האט זיך מיט מיר געווערטעלט אז ווען איך וויל איינעם אנצייגן וועלכע באנגעלוי איז מיין זאל איך נאר זאגן "די פארטש מיט די מערסטע פליגן כאפער'ס".

[פארקירצט]

**נאטורליך** • 9טן אויגוסט 2005

עס איז שוין דאס צווייטע וואך וואס איך פאר ארויס דאנערשטיג נאכט, איך שלעפ זיך ארויס מיט באקסעס און שאפינג בעג'ס, שעפשענדיג דערביי מיין שטילע ג-ט פון אברהם געבעט צו השי"ת, אז די וואך זאל נישט רעגענען, די וואך זאל די סווימינג זיין אביסעלע מער זויבער, די מקוה פלאר זאל זיין וויניגער מאראסטיג, די וואך זאלן די מאסקיטויס רחמנות האבן אויף מיר, די עיר קאנדישען אין שול זאל ארבעטן צו מיין ריכטונג, דער גבאי זאל מיך אויפהערן פרעגן כהן? לוי? די שכינים זאלן אויפהערן פרעגן וועמעס באנגעלוי איך האב און אזוי ווייטער.

מה נאמר ומה נדבר. עס רעגענט עס מבול'ט אן אויפהער און פונקט ווען איך וויל זיצן אויפן צאם-לייג-בענקעל אדער נאגיאד. מסתמא זענען מיר זינדיג און מיר זענען נישט זוכה צו דעם גשמיכם בעיתם. די מאסקיטויס האבן זעט אויס געהאט א דרינגענדע גענעראל פארזאמלונג און באשלאסן פה אחד מיר צו צאפן דעם דם התמצית.

[פארקירצט]

קולטור • מוזיק

# דער פייער־פויגל

א רוסישע פאלקס־מעשה פון א גאלדענעם פויגל, א פארכישופטן גארטן און א גרויזאמען גיט־באזיצער – און ווי איגאר סטראווינסקי האט דאס איבערגעזעצט אין מוזיק.

פון **moshav zekeinim**, **ירא שמים**

קאווע שטיבל • מוזיק! • „דער פייער-פויגל (קלאסישע מוזיק)“ • 8טן–10טן אקטאבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9683.html

**moshav zekeinim** • 8טן אקטאבער 2015

דאס איז אן אלטע רוסישע פאנטאזירנדע פאלקס מעשה, מיט עקזאטישע פארבן, וואס איז געווען באקאנט אין דער רוסישער יונגנט ליטעראטור, גלייך ווי די מעשה'לע מיט די "דריי חזרים'לעך" איז באקאנט אין דער אמעריקאנער קינדער וועלט.

מיט ארום הונדערט יאר צוריק האט א רוסישער קאמפאזיטער מיטן נאמען "איגור סטראווארסקי" פארפאסט א מוזיקאלישן מאוומענט וואס דערציילט די פאנטאסטישע פיקציע אין מוזיק שפראך, די פארבן און די תנועות וואס ער האט דארט אריין געלייגט איז אומגלויבליך, און איז געווען אן ערנסטער דורך ברוך אין זיין צייט אינערהאלב די וועלט פון קלאסישע מוזיק (-ערנסטע טיפע ארטיסטישע מוזיק).

אין אנהייב האבן די דעריגענטן פון דער קלאסישער מוזיק (וואס איז בימים ההם געווען די דאמענירנדע מוזיק) נישט געוואלט אננעמען סטראווארסקיס קאמפיזאציע, טענה'דיג אז עס שטימט נישט מיט די אנגענומענע כללי הנגינה, אבער צוביסליך האט זיך דער לאנגער דערציילנדער קאמפעזאציע אריין באקומען אין דער קלאסישער מוזיק וועלט, און דאס האט געעפנט א נייע עפאכע אין דער קלאסישער מוזיק, וואס רופט זיך מאדערן קלאסישע עפאכע, און איז געווען דער ערשטער פאנטאסטישער מעשה פארציילער אין נגינה לשון וואס האט געשפילט בהכלי התרבות אויף די פאדיונען ווו עס פלעגן געשפילט ווערן די "סימפאניעס" און "קאנטשערטאוס" (די צווי ביז דעמאלסדיגע עמודי היסוד פון ארטיסטישע מוזיק) פון בעטהאווען און באהראמס און אנדערע פארציייטישע קלאסיש-ראמאנטישע קאמפאזיטארן.

איז לאמיר זען וואס עס איז די פאנטאסטישע מעשה וואס איז געווען דער ערשטער צו דערציילט ווערן דורך א פילהארמאנישע ארקעסטרא אין נגינה לשון? אט הערט:

געווען איז א אמאל מיט לאנגע יארן צוריק א ריטער וואס האט געהייסן "איוואן צארביטש", געווען איז ער א העלדישער רייטער וואס פלעגט רייטן אין די צרחקים. איין טאג רייטנדיג אויף זיין פערד, באמערקט איוואן העכער אים פליען א וואונדערליכער פויגל מיט פייערדיגע קאלירן, איוואן האט באשלאסן צו כאפן דעם וואונדערליכן פויגל און איך אנגעהויבן נאכצויאגן, ער איז איר נאכגעלאפן און נאכגעלאפן א גאנצן טאג ביז דער פויגל איז אריין געפלויגן אין דעם גיגאנטישן גיט פון "קאטשיי"!!! און איוואן איז אריין אינעם גיט איר נאכיאגן...

וואס איוואן דער ריטער האט נישט געוויסט איז, אז ביי דער גיט קען מען נאר אריין, אבער נישט ארויס...

קאטשיי דער קעניג פונעם גיט איז געווען א סופערנאטוראלער באשעפעניש וואס איז געווען אומשטערבליך. יעדע נקבה וואס האט אריין געבלאנדזשעט אין זיין גיט איז אויף א מיסטעריעזן אופן געפאנגען געווארן דורך איבערנאטורליכע כוחות, און יעדער זכר איז דארט פארוואנדלט געווארן אין א שטיין...

איוואן זעצט ווייטער פאר זיין גע'יאג נאכן פייערפויגל, דער פייערפויגל הייבט זיך אן ארום צודרייען ארום א בוים ארום און ארום, ביז איוואן האט איר באוויזן צו כאפן.

פארגאפט איז איוואן געווען פון דער באצויבערנדער שיינהייט פונעם פויגל, און ער האט מחליט געווען אז אזא פויגל איז ווערט איר פרייהייט און ער האט איר באפרייט מיט געגנאז.

דער פייערפויגל, אזוי ווי איר דרויסענדיגע שיינקייט איז איר אינווייניגסטע שיינקייט, און אלס הכרת הטוב וואס ער האט איר באפרייט זאגט זי אים: נעם אראפ א גאלדענע פעדער פון מיר, און ווען דו וועסט זיין אין אן עת צרה זאלסטו פאכענען מיט דעם פעדער און איך וועל דיר באלד קומען צו

"הילף". איוואן האט אראפ גענומען א ווייכער גאלדענער פעדער און דער פייערפויגל איז פארשווינדן געווארן.

**moshav zekeinim** • 8טן אקטאבער 2015

נישט וויסנדיג אין וואס פאר א סכנת'דיגער פלאץ ער געפונט זיך, האט איוואן אנגעהויבן ארום צושפאצירן אינעם וואונדערליכן גארטן. כל מיני געוטאוקן פון אלע קאלירן און כל מיני בשמים וואס זייער דופטיגער ריח האט מחיה געווען די זעל, איז דארטן געוואקסן. כל מיני עץ מאכל איז דארטן געווען צו געפונען, און דערפרישנדע וואסער קוואלן זענען דארטן געפלאסן.

שפאצירט זיך איוואן געמיטליך אינעם גארטן, און פלוצלינג באגעגענען זיינע אויגן א שטוינענדע מחזה: צענדליגע צענדליגע שטיינער אין געשטאלט פון מענטשן זעט ער איינס נעבן אנדערן, און דערנעבן טאנצן אין א רינג א גרופע פון דרייצן מאדן וואס זייער שיינקייט איז ווי די שיינקייט פון דער זין.

איוואן לייגט אן אויג אויף די שענסטע פון זיי, און הייבט אן רעדן צו איר ליבע רייד ביז ער פרעגט איר צי זי איז גרייט מיט אים חתונה צו האבן.

מיט א טרויעריגע מינע לאזט די שיינהייט אראפ דעם קאפ און רופט זיך אן: מיין הער, הלואי ווען איך זאל ווען קענען חתונה האבן און האבן קינדער אזוי אלע בנות הארץ, אבער וויסן זאלסטו אז דא איז א געפערליכער פלאץ, און יעדער שיינער מיידל וואס קומט דא אריין קען מער קיינמאל נישט ארויס, און אויך דו מיין הער ביסט אין א גרויסער סכנה, אט זע די פארשטיינערטע מענטשן, נאך אביסל גייסטו זיין אזוי ווי זיי. דער גיט באזיצער קאטשיי איז א שוידערליכער גייסט אין פארעם פון א מענטש און מיט זיינע איבערנאטורליכע כוחות לאזט ער קיינעם נישט ארויס פון דא.

א טויט שרעק איז באפאלן איוואנען, וואס טוט מען דא, אט באלד ווערט ער פארוואנדלט אין א שטיין דורך דעם שרעקעדיגן קעניג קאטשיי. מיט שנעלע טריט פראבירט ער נאך זיין מזל ארויס צו יאגן פונעם גארטן.

**ירא שמים** • 8טן אקטאבער 2015

א לינק צו די מאוומענט אפשר? אה סדאך מסתמא אין רוסיש

**moshav zekeinim** • 8טן אקטאבער 2015

א הילכיגער טייוולאנישער געלעכטער הערט זיך פלוצלינג פון דערווייטן, דאס איז געווען קאטשיי דער גייסטיגער גיט באזיצער אליין. "וואס מיינסטו, דו וועסט זיך פון מיר קענען ארויס דרייען? פון דער גיט איז נאך קיין איינער נישט ארויס חא חא חא...

איוואן איז פארגליווערט געווארן פון פחד. אבער פלוצלינג דערמאנט ער זיך אין דעם פוכיגן גאלדענער פעדער פונעם פייערפויגל, און מיט ציטערדיגע הענט הייבט ער דאס אויף און פאכעט דערמיט צום הימל.

א פליגל געפלאטערעכטץ הערט זיך פלוצלינג פון העכער זיין קאפ. דער פייער פויגל האט זיך צו אים באוויזן מיט איר פולער פראכט און שיינקייט און צו אים געזאגט, קום מיט מיר, דו דארפסט נישט פארכטן.

"דו ווייסט די געהיימניס פארוואס קאטשיי דער גרויזאמער איז אומשטערבליך -רוימט אים דער פויגל אריין אין אויער - דאס איז ווייל ער האט באהאלטן זיין נשמה אין א בת היענה איי, קום וועל איך דיר אנטפלעקן וואו דער איי געפונט זיך און איינמאל דו וועסט צעברעכן די איי וועט דער גרויזאמער קאטשיי שטארבן, און דו וועסט געראטעוועט ווערן פון דער סכנה. אלע מיידלעך וועלן באפרייט ווערן און די פארשטיינערטע יונגען וועלן דערלעבט ווערן.

צווישן געדיכטע בוימער אינעם גארטן האט אים די פייערפויגל געפירט, און דארט אין די געדיכטעניששט זענען זיי אריין אין א הייל און א ריזיגער איי האט זיך פאר זיי אנדעקט וואס האט ליכטיג געמאכט די פינסטערנישט פונעם הייל.

"נעם א שטיין פון דער ערד און צעברעך זאפארט דעם איי" באפעלט דער פויגל.

איוואן מיט זיין גבורה הייבט אויף א גרויסן שטיין און שליידערט איר צום גרויסן איי, און פצ פצ פצ א שוידערליכער געשריי האט זיך געהערט פונדערווייטן און אן אימה חשיכה האט זיך אראפ געלאזט אינעם הייל.

"שרעק זיך נישט - רופט זיך דער פויגל אן צום טויט דערשראקענעם איוואן - פריי זיך אז דער שלעכטץ איז שוין נישטא, קאטשיי איז טויט, און יעצט קום שטיי אויף און באפריי די אומגליקליכע געפאנגענע מוידן!"

איוואן גייט ארויס פונעם הייל ביז ער קומט אן צום פלאץ פון די געפאנגענע מוידן און פארשטיינערטע יונגען, און גלויבט נישט וואס ער זעט, פון די פארגליווערטע פנים'ער וואס ער האט פריער געזען ביי די מוידן זענען זיי פלוצים פארוואנדלט געווארן אין לעבנסלוסטיגע געזיכטער, און... די פארשטיינערטע געשטאלטן האבן צוביסליך אנגעהויבן צוריק צוקומען צום לעבן.

איוואן האט זיך דערנענטערט צו זיין געליבטע אוןביידע זענען ארויף געפאלן איינער אויפן צווייטנס האלז, און אלע מוידן און אויך די צוריק לעבעדיג געווארענע יונגען האבן אנגעהויבן טאנצן מיט שמחה...

התנערו מעפר קומי לבשי בגדי תפארתך עמי על יד בן ישי בית הלחמי כי קרבה אל נפשי גאלה...

**moshav zekeinim** • 8טן אקטאבער 2015

„. . . א לינק צו די מאוומענט אפשר? אה סדאך מסתמא אין רוסיש“

עס איז נישט אין קיין שום שפראך, עס איז בלויז מוזיק וואס שפילט אפ דעם מצב. דאס איז דאך דער ספעציאליטעט פון דעם מאוומענט, (אנדערש וואו אפערא וואס זינגט אפ דראמאס אין ווערטער)

**moshav zekeinim** • 9טן אקטאבער 2015

איך האב דעם שטיקל מיטגעהאלטן לייוו דעם מוצאי שבת פאר סוכות ביי א סימפאני קאנצערט. די סאונד הערט מען ארגינעל אן קיין עמפליפייער, אבער די קולות פון די מיתרי הכינור האבן ארום געקומען דעם זאל, און ביי די עקסטאז שטיקלעך האט די זאל געציטערט. עס איז געווען א געוואלדיגער עקספיריענס.

**ירא שמים** • 10טן אקטאבער 2015

יעצט געליינט די מעשה יעצט גיי מיר הערן די מוזיק!

הומאר

# מיין מלחמה מיט דער שווארצער קאץ

סוכות ביינאכט, א חלה מיט טאמאטע־דיפ, און פלוצלינג רירט זיך עפעס ביים סכך. א קאמאנדא־אקציע אין הויז־ראק און קראקס.

פון **חבקוק הנביא**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „מיין מלחמה מיטען שווארצען קאץ" • 13טן אקטאבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7372.html

**חבקוק הנביא** • 13טן אקטאבער 2014

זיץ איך מיר און די סוכה'לע, די אושפיזין זיצן ביי דער זייט אויסגעשטעלט מלכות'דיג לויטן סדר,

כ'זיץ און כ'שטיל מיין הונגער מיט אביסל היימישע חלה מיט שארפע טאמעיטא דיפ, יעדעס ביים איז דאך נאך א מצוה, א מצוה פון עסן און די סוכה, כ'האב געמאכט א הילכיגן לישב בסוכה, און זיך געזעצט רואיג און די סוכה, איגנארירענדיג אינגאנצן אז איינער באן קי מאן האט אויך וואס צי זאגן.... וואס ווי וועןן.... וואס פארשטייט א גוי,

אבער ביקש יעקב לישב בשלוה, הערייך פלוצלינג עפעס ריקט זיך לעבן דעם סכך, (ס'דא דארט א פארטש) (נו גילו), וואס איז דאס? ס'דאכט זיך מיר שוין אז ס'איז אויפן סכך, חאטשיג כ'בין געווען אנגעטון מיט א ווייסע הויז-ראק, האב איך זיך אבער געגעבן א הייב אויף און ארויסגעלאפן קוקן וואס גייט דארט פאר, וואס זאלעך ענק זאגן טייערע ברודער, נישט מער נישט ווייניגער, א גראבע שווארצע קאץ! שווארץ ווי די נאכט!, אן אפילו קיין שאטן פון ווייס אדער ברוין, א חוץ די גלאנציגע אויגן איז עס איין שטיק שווארצקייט, און צי דעם אלעם איז עס נישט אזא אויסגעדארטע קאץ נאר א פריציש גראבע קאץ,

כ'נעם אן קורואש, נאך אלעם בין איך דאך נישט קיין פחדן, כ'בין דאך א אידיש קינד, און כ'מאך א שנעלע באשלוס צי שוין אונטערנעמען א קאמאנדאו אקציע, און פארטרייבן דעם אינוואדירער בשן ועין, גיי איך אזוי מיט די קראקס און מיטן ווייסן הויז-ראק, כ'קוק מיר ארום צי קיינער דרייט זיך נישט אויף דער גאס און זעט מיט אזוי מיט די הויז מלבושים, ס'אבער געווען שפעט און די גאס איז געווען ליידיג, כ'שפאציר צו צי די טרעפן פין יענעם פארטש, מיינענדיג לפי תומי אז ווי נאר דער קאץ וועט מיר זען וועט ער מאכן א דראסטישע ויברח, אזוי אז די קאמאנדאו אקציע וועט שנעל געקרוינט ווערן מיט א שטוינענדע סוקסעס,

אבער ווי זאגט די וועלט?, א מענטש טראכט און דער באשעפער לאכט, דער קאץ דערזעט מיר, ער געבט זיך א שטעל אוועק אויף די טרעפן און ער קוקט מיר און פנים אריין, נישט מער און נישט ווייניגער ער שטייט און קוקט כאילו איך הייס הערשקאוויטש צי וואס, אנדרעש ווי אנדערע קעץ וואס ווי זיי דערזען נאר מיין הייליגע צורה פינדערווייטענס מאכן זיי פליטה דארט ווי די שווארצע פעפער וואקסט, איז דער עזות פנים געבליבן קוקן מיר און פנים אריין,

כ'הייב אן צי קוקן שטרענג, כ'ווארן אים, אבער גארנישט, דער עזות פנים רירט זיך נישט, כ'האב געמוזט ציגיין ביז גאר נאנט און מאכן ווילדע תנועות ביז דער עזות פנים האט זיך געחאפט אז איך מיין ביזנעס, אבער אנשטאט אנטלויפן האט ער געחאפט א שנעלע שפאציר אוועק און זיך אפגעשטעלט אויפן סייד-וואלק, אבער איך אלץ גבור חיל האב נישט געחלום'ט פין אויפגעבן דעם קאמף, כ'האב עים פין דארט ווייטער געשיצט, דורעך הילכיג קלאפן מיט מיינע קראקס אויפן סייד-וואלק, איז ער געגאנגען זיך באהאלטן אויף דער אנדערער זייט פין א קאר וואס איז דארט געווען, כ'בים ארום געלאפן די קאר און כ'האב אים ווייטער געשיצט ביז ער איז געלאפן א פאר קאר'ן ארויפציר, און דא האב איך באשלאסן צי ענדיגן די אקציע,

כ'בין טאקע ארויס א געווינער, אבער ס'נישט געווען אזוי פשוט ווי געראכטן, פארשטייט זיך מען ברויך נעמען און באטראכט אז לויט די לעגענדעס זענען שווארצע קעץ פארבינדן מיט כישוף, און מיט בייזע רוחות, עכ"פ וואס ס'זאל נאר נישט האבן געווען, בין איך ארויס מיט א געווינס, און כ'בין פראקלאמירט געווארן דורעך מיינע ארומיגע אלץ די העלד פינעם טאג,

עכ"פ זאל קיינער נישט געפריבט ווערן זיך צי זען פנים אל פנים מיט א שווארצע קאץ, אבער טאמער יא זאל מען וויסן

אז מען טאר זיך נישט דערשרעקן, נישט פארלירן דאס קוראזש, נאר ווייזן העלדישקייט און געווינען,

**יין שרף** • 13טן אקטאבער 2014

קען גאר זיין א גולגול פון דער שווארצער וואך נאכט קאץ...

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע שטיקלעך פון דער נאטור: פייגל וואס עקזיסטירן (אדער נישט), א נאכט הינטערן באנגעלאו, און א ליד פוןביימער.

## פייגלעך עגזיסטירן נישט

**ליטוואק פון בודאפעסט:**

עס איז דא א באוועגונג אין אמעריקא וואס גלויבט אז אין די י' יארן האט דער רעגירונג אויסגעהרג'ט אלע פייגלעך אין אמעריקא, און געמאכט סינטעטישע פייגלעך, וואס זיי האלטן אין איין כאפן בילדער פון אלס וואס טוט זיך אין דער וועלט.

[פארקירצט]

עס איז טאקע א שאנדע אז 95% גלויבן נאך אין פייגלעך, און זיי האבן אסאך ארבעט צו לייגן דערין. דער וואס וויל צולייגן א פלייצע, און גיין א טי-שוירט אדער הענגען צעטליך איבעראל אז פייגלעך עגזיסטירן נישט, למצוה רבה ייחשב צו פארשפרייטן די אמת.

**שבת אחים:**

איך ווייס נישט צו פייגלעך עקזעסטירן צי נישט אבער "צואה" פון פייגלעך עקזעסטירט שוין איינמאל... הערשט יעצט האט א מנין פייגלעך זיך אויסגעמייכנט אויף מיין גאנצע ...windshield

**ליטוואק פון בודאפעסט:**

טאמער די חברה זענען גערעכט, און אלע פייגלעך זענען דראונס, מעג מען אננעמען אז ווען דיין ווינדשילד ווערט אנגעמייכענט, איז עס א מעסעדזש פון איינער וואס טוט עס במכוון. עס איז נישט קיין צופאל, איינער וויל דיר טשעפן

**ליטוואק פון בודאפעסט:**

איך קלער יעצט (עס איז זונטיג אינדערפרי, און מ'האט אסאך ארבעט אויסצופאקן דער שבת....) אז די מעשה איז א שטיקל כפירה, ווייל אלע גלגולים גלויבונגען זענען באזירט אז די פייגלעך זענען עכט. אז א פייגעל וויל בשום אופן נישט אפלאזן דער ביהמ"ד (באקאנט, אין געטסהעד ישיבה איז אמאל געווען אזא מעשה, ווי א פייגעל האט זיך געדרייט אין ביהמ"ד און האט בשום פנים ואופן נישט געוואלט ארויס גיין. האט א בחור זיך אנגערופן, "אפשר א גלגול", און הרב לייב לאפיאן האט געזאגט, "אפשר א פייגעל"), איז עס ווייל די רעגירונג וויל פון זיי כאפן בילדער, און נישט צוליעב אלטע עבירות פון פינף הונדערט יאר צוריק.

מ'דארף שוין אסר'ן יענער וועבסייט. אפשר קען איינער ארום גיין זאמלען חתימות פאר דעם וויכטיגן צוועק?

**:berlbalaguleh**

שבת אחים: ס'קען זיין אז די רעגירונג דארף מאכן א ריקאלל. און פארערכטן עפעס א ליעק אין דעם סיסטעם פון די פייגלעך...!

**תנחום:**

נאכ'ן באזוכן דעם סייט האביך שוין געהאט פייגלעך אין קאפ אז זיי עקזיסטירן טאקע נישט, אבער נישט לאנג דערנאך האט מיר איינע פון דיע מכבד געווען מיט מפטיר יונה אויפן ווינשילד להוציא מליבי...

קאווע שטיבל • „פייגלעך עגזיסטירן נישט“ • 19טן–23סטן יולי 2019
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13232.html

## דאנערשטאג נאבט אין קאנטרי

**:Ben Ami**

א שמאל שטעגל לויפט דורכ'ן וואלד. ער רייסט זיך דורך דעם שטיק גרין מיט געוואלד. די הערשן צעריקן זיך מיט מורא צום קול פון אנלויפנדן אויטא. איינגעקורטשעט אין א זייט קוקן זיי מיט וואונדער אויף מענטשליכער חוצפה. דא און דארט באווייזט זיך די נאאיווע שיין פון א לאמפ - מענטשליכער טעכניק נאריש פארפלאנצט אין וואונדער פון דער נאטור. די קאר-פענסטערס זענען צעעפנט אין גאנצן גרויס, א ברייטע הכנסת אורחים פאר דער מחיה-נפשות'דיגער לופט. פון דארט שפארט ארויס א ניגון פון עולם הנשמות, "א אידעלע, אוי אידעלע. שטארק זיך, שטארק זיך אידעלע..."

הינטער'ן באנגעלאו. א ים פון גראז, אויף וועלכע עס וואכן אחריות'דיג מחנותביימער. דערשמעקן די צווייגן די סכנה פון אנקומענדן ווינט, צעלאזן זיי די בלעטער אין דראאענדן געפליסטער.

קוים-עקזיסטירענדע אינזעקטן טענה'ן זיך אויס אין געוואלדן וועלכע שרייען איבער דעם גרויס פון זייערע גופים. אהער, אהין. זאלן די מענטשן - ווילדע שבטים פון א ווילדער שטאט - אוועקגיין, צוריקגיין פון וואו זיי קומען; צוריקגעבן אונז די בארעכטיגע מנוחה.

איבער אלעם הערשט די סודות'פולע נאכט - פינסטער פון איינזאפן אזויפיל געהיימעניסן און נישט וויסן ווי און ווען זיי וועלן זיי ווייטער איבערצוגעבן.

וויל איך פרובירן דאס אוממעגליכע און אויסצאפן פון דער נאכט אירע סודות, לאכט פון מיר אויבן די לבנה. "נארישער מענטש! ביליאנען דיינס-גלייכן האבן שוין געפרואווט," זאגט זי מיר שטיפעריש-לאכעדיג. "לאז עס. זעסט דען נישט אליין ווי די וועלט האט זיך אנגעשלאסן אין מיין אומענדליכער מלוכה פון סוד?"

און די שטערנס האבן ערנסט צוגעפינקלט אין הסכמה.

א וועלט מיט וועלטעלעך • 31סטן דעצעמבער 2007
https://veltelech.sites.tab.bot/t/46.html

## דער מענטשעלע דער בוים

**zaltzvaser:**

אין פלאַץ ווי אימער שטיי מיר
מענטשעלעך ווי ביימער
געפלאַנצן געשניטן געפלעגט און געהיטן
א ביימעלע א קליינער
א דינטשיקער א שיינער
פון זומען קרעפטיגע נאַרוואַס געשניטן

זי'ץ איך און קלער און שפּעקוליר
וויאַזוי עס אַרבייט ריר ביי ריר
עס פלאַנצט זיך עס וואַקסט עס שפּרייט די צווייגן
א ווינט עס בלאָזט די לופט עס שניידט
דער ביימעלע בייגט און ליידט
ביז עס טוט צום ווינט זיך צאַמלייגן

די ביימעלע עס ליגט און טרוקנט
די אנדערע שטייען מיט אנגסט און קוקן
זיי ווענדן זיך צום האָר פון אַלע ביימער
האָר טייערער אין א סכנה שטיימער
דער האָר ער זאָגט, וויסן זייט ביימעלעך
אַז אויב שטיי מיר צוזאַמען רואיג פּאַמעלעך
קען קיין ווינט אונז נישט בייגן קיינמאָל
ווייל מיר זענען שטערקער און מער אין צאָל
נאָר ווען א ביימעלע גייט עקסטער אַליינס
נאָר דאַן קען דער ווינט אפּטון זיינס
דערפאַר מיינע טייערע לאָמיר שטיין צוזאַמען
באַפעסטיגן אונזערע שטאַמען.

[פּאַרקירצט]

זאַלצוואַסער • 4טן מערץ 2013 • אויפן ניגון פון „אילן“
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/302.html

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס און בלאגס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 18טן יאנואר, אין פריערדיגע יארן? א שטיקל פיש וואס קיינער וויל נישט אויסעסן, און אן אסיפה פון מוריטשקעס.

**21**
יאר צוריק
2006

## וואס האט דאס שטיקל פיש חוטא געווען?

**RebMechel** • הײדפארק • היימישע קרעטשמע • 18טן יאנואר 2006

די פארגאנגענע וואך שבת בין איך געזעצן אין א קליין בית המדרש'ל ביי שלש סעודות, מיטהאלטנדיג אן אינטרעסאנטן ספעקטאל: אינמיטן טיש איז געווען א טעלער, און אינעם טעלער איז געווען א סלייס געמאלענע פיש. קודם איז אלעס צוגעגאנגען ווי געהעריג, איינער האט גענומען א שטיקל פיש, א צווייטער האט גענומען נאך א שטיקל, און אזוי איז דער פיש געווארן אלס קלענער און קלענער.

אבער דאן האבן זיך אנגעפאנגען די פראבלעמען, "סאמטינג 'פישי' איז גאואינג אן" ווי מ'זאגט אויף ענגליש. אינעם טעלער איז שוין בלויז געווען א פערטל פונעם סלייס, און יעדער האט מורא געהאט פונעם פיש. ד.ה. אזוי: איינער איז צוגעקומען, און אראפגעציפט בערך א צוויי-דריטל פונעם שטיקל, און געגאנגען ווייטער. דאן איז געקומען נאך איינער, און אראפגעציפט א האלבע פון וואס ס'איז געבליבן, וילך משם. און דאן איז געקומען נאך איינער און נאך איינער. יעדער האט אראפגענומען דעם אפיקומן - דעם גרעסערן העלפט - פונעם שטיקל וואס ס'איז געבליבן, און איבערגעלאזט דאס איבריגע אינעם טעלער. הפנים, יעדער האט זיך געשעמט צו נעמען דעם גאנצן שטיקל, ווייל מ'וויל דאך נישט זיין קיין חי"ת זי"ן רי"ש, און דערפאר האט מען נאר גענומען דעם רוב און נישט די גאנצע.

געענדיגט האט זיך עס, אז אינעם טעלער איז געבליבן בלויז א פיצינקע שטיקעלע פיש, וואס קיינער האט נישט געוואלט אויסלייזן פונעם טעלער, כדי נישט צו זיין דער וואס האט אויסגעליידיגט דעם טעלער. אויף אסאך פנים'ער האט מען געזען אז זיי וואלטן געוואלט נעמען און עסן דאס שטיקל פיש - נישט ווייל זיי זענען הונגעריג, נאר פשוט אזוי - אבער זיי האבן דאס נישט געטאן מחמת אימתא דציבורא.

מ'האלט שוין ביי א-ל מסתתר, מ'זאגט שוין שיר המעלות, און קיינער האט נאכנישט צוגערירט צום לעצטן שטיקל פיש. מ'האט שוין אנגעפאנגען צו בענטשן, ס'איז שוין פארפאלן, קיינער וועט שוין דעם שטיקל פיש נישט עסן היינט. האב איך גענומען דעם טעלער צו מיר און אנגעהויבן צו רעדן צום פיש: טייערער פישעלע, איך האף אז דו ביזט נישט ברוגז אויף די מענטשן, זיי האבן בלויז געוואלט זיין גוט-הארציגע און איבערלאזן עפעס פאר יענעם. נאטינג פערסאנעל, זיי האבן זיך נאר נישט געקענט ערלויבן אויסצולײדיגן דעם טעלער... איך האף אז מיין עלטער זיידע'ס נשמה איז נישט מגולגל אין דיר, טאמער יא זיידעניו, ווועסטו מיר מוזן מוחל זיין, איך האב נישט געקענט זיין דער שלעכטער און אויפעסן דאס לעצטע שטיקל.

דער פיש איז - ווייזט אויס - נישט געווען קיין סקווערער אפשטאמיגער. ער האט מיר גארנישט געענטפערט... האטס מיר און זייטס מיר.

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1769563.html

14
יאר צוריק
2013

# א טראַגעדיע!

zaltzvaser • זאלצוואסער • זאלצוואסער • 18טן יאנואר 2013

הערט א מעשה, און לייענט רואיג! באשולדיגט מיך נישט אין משוגעת ווייל איך וויל ארויסברענגען א נקודה וואס איך האף איר וועט פארשטיין

ומעשה שהי' כך הי'

ערגעץ ווי אין א שטיל ווינקל צווישן ביימער און גראז איז א ריזיגע אסיפה פאררופן געווארן מיט קיין שום פריערדיגע ווארענונג. דער גובערנאטאר פונעם פלאץ שטייט אויבנאן און די געמיינדע וויכטיגע און נישט אזוי וויכטיגע מיטגלידער פון דער געמיינדע דרייען זיך ארום, עס איז נישטא קיין בענקלעך אדער טישן ווייל דארט אין לאנד פירט מען זיך, נישט צו זיצן ארום טישן ווען מען קאנפערירט, אפילו דער יו"ר שטייט אויף די פוס, און יעדערער אין פלוין דרייט זיך ארום ווי אן קיין ציל, ווארטנדיג צו הערן וואס וויל דער גובערנאטאר היינט?

מיט א שטילע שטימע ווי זיין געוויינליכער שטייגער עפנט דער גובערנאטאר די אסיפה און פאררופט זיך צו א שרעקליכע טראגעדיע וואס פלאגט זיין קאנסטיטשועניס.

מיינע טייערע פריינט! שוין א לאנגע צייט וואס מיר ליידן אויף א שרעקליכע נאטורליכע אויסברוך ווי איר אלע ווייסט יעדע שטיק צייט קומט אראפ א ריזיג שווארצע מאסע פון ראבער און לעדער און צומאל אויך זאמדלעך און שטויבלעך און צעדריקט און הארגעט צומאל צענדליגער אדער הונדערטער פון אונזערע מיטגלידער, מיר האבן דאס אנהייב נישט אזוי ערנסט גענומען קלערנדיג אז עס איז א צופאל, אבער עס איז געקומען צו א מצב פון אוי לי אם לא אומר, דעריבער האבן מיר זיך געוואנדן צו די סייענטיסטן און סייקאלאדזשיסטן, און מעטעראלאדזשיסטן, אויסצוגעפונען אויב דאס איז א נאטורליכע דיזעסטער אדער א וועטער אויסברוך, אדער אפשר גאר א משוגעת אויסברוך. און יעצט וועלן מיר האבן די זכי' צו הערן פון אונזער אלעמען באליבטן סייענטיסט מר. מערעטשקע פון דער בארימטער מערעטשקע סייענטיפיק משפחה.

אזוי איז די אסיפה אנגעאנגען אין דער געמיינדע פון די "מורישקע'ס" ווי מ'האט זיך געפלאגט צו פארשטיין די נייע אנשיקעניש ווען מ'זעט א ריזיג שטיק לעדער טוט לאנדן אויף דער געמיינדע און הארגעט אוועק הונדערטער און טויזנטער מעמבער'ס פון דער משפחה...

[פארקירצט]

מר. מערעטשקע: שששששש טייערע פריינט! רואיג! מיר ווייסן קלאר אז אונזער אנאליז איז ריכטיג, ווייל לויט אונזער שאצונג פון אבזערווירן א גרינעם בלאט וואס איז דא א אריינגעפאלן אין אונזער קעמפ שוין זייער א לאנגע צייט צוריק מער ווי דריי טאג, און עס פאנגט אן צו ענדערן קאלירן פון גרין צו ברוין, זען מיר אז די וועלט שטייט שוין מער ווי א האלב יאר, עס איז אפילו דא א סברא אז עס גייט שוין צוריק אזוי לאנג ווי דריי גאנצע יאר, און פארדעם איז אויך געקומען אזא עפידעמיע וואס האט אומגעברענגט די מעריטשהייט, און דאן האט זיך די וועלט נאכאמאל אנגעהויבן ווי מיר זען קלאר לויט די נייטונגען פון דעם בלעטל וואס איר קענט אלע זען.

[פארקירצט]

געוואלד..... ראטעוועט..... לויפט...... די לעדער איז דא! שרעקליך! אינמיטן אזא שיינעם כינוס און די עפידעמיע איז דא! העלפט! מען הערט פארצווייפלטע רופן פון די צוטרויטעטענע און ווי אלעמאל ווערט די מאסע לעדער פארשווינדן, און דער עולם שטייט פארגאפט ערשטוינט און געפלעפט נישט וויסנדיג וואס צו זאגן פאר די אומגליקליכע משפחה מיטגלידער פון די נארוואס אומגעקומענע. און די לופט ווערט מער און מער אנגעצויגן, די שרעק וואקסט הויך, עס הערשט א טאפנדע שטילקייט.

ביז די שטילקייט ווערט געבראכן פון הער מייערטשקע וואס שרייט ווי מיט נישט זיין שטימע: ווארפט אראפ דעם פאררוקטן פסיכיאטאר, ער שטייט און דרש'ט אז מיר חלומ'ן און דא קוקט וואס האט פאסירט!!!

[פארקירצט]

די אסיפה איז געשלאסן געווארן מיט א הייסע געזאנג פון דער מורישקע הימנע "אין דעם לאנד פון מורישקע'ס, פול מיט עפל און בוריקע'ס" עפעס אזוי. און איינשטימיג אנגענומען די פארשלאג אז דאס האט צו טון מיט דער היץ און מ'דארף זיך באהאלטן....

וואס זאל איך אייך זאגן איר קוקט מיך אודאי אן משוגע פארן זיך צוהערן צו אן אסיפה פון די מורישקע'ס אבער נייגעריגקייט איז אן קיין גבולים, האב איך געווארט אויף די קומענדיגע מודעות פון דער נעקסטער אסיפה וואס איז שנעל געקומען, און דארט האט מען אין קורצן אויפגעבערענגט פארדאכטן אז עס האט נישט מיט היץ והא ראי' אפילו אין קאלטע וועטער'ס גייט אן די מגיפה... און אזוי איז געווען אסיפות קטנות וגדולות, מיט עצות און איידיע'ס איינס בעסער פון צווייטן, ביז די האלבע יאר חיות זייערע איז אויסגעגאנגען מלא קשיות אויף דער בריאה....

[פארקירצט]

https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/207.html

---

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם אשכול וועגן נייע מינים חיות (זעט „וויסנשאפט") האט „יידל" גראד אויסגערעכנט א דזשעליי־פיש, א מאלפע און אווארעם. „שמואל הלוי" האט געפרעגט:

> נייע סארט מענטשן געפינט מען נישט?

**שמואל הלוי** • קאווע שטיבל • 23סטן מאי 2012

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/694.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | „גיי גרין!“ · **הוגה**<br>קאווע שטיבל · געזעלשאפט · אשכול „גיי גרין! (פה-סח 2)“ · 5טן מאי 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10447.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „ווי אזוי גייט מען זיך אום מיט א הונט?“ · **בדחן, קינות גירושין, יאיר און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט הונט“ · 5טן–10טן יוני 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3996.html |
| **וויסנשאפט • נאטור** | „נייע באשעפענישן“ · **יידל, יאיר און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „ניי-אנטעדעקטע מינים (species) פון חיות“ · מאי 2012 – יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/694.html |
| **היסטאריע** | „דער גולם פון פראג: אן אמת'ע געשיכטע אדער פיקציע?“ · **אמת וצדק**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „דער גולם פון פראג, אן אמת'ע געשיכטע אדער פיקציע?“ · 2טן–4טן אפריל 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16038.html |
| **איבערלעבונגען** | „אוועק אין קאנטרי“ · **hutkh, נאטורליך**<br>היימישע שטותים / היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „נאטורליך'ס טאגבוך פון די קאנטרי“ · 5טן–9טן אויגוסט 2005<br>https://heimisheshtusim.sites.tab.bot/t/1503945.html |
| **קולטור • מוזיק** | „דער פייער־פויגל“ · **moshav zekeinim, ירא שמים**<br>קאווע שטיבל · מוזיק! · אשכול „דער פייער-פויגל (קלאסישע מוזיק)“ · 8טן–10טן אקטאבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9683.html |
| **הומאר** | „מיין מלחמה מיט דער שווארצער קאץ“ · **חבקוק הנביא**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „מיין מלחמה מיטען שווארצען קאץ,“ · 13טן אקטאבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7372.html |
| **היינט מיט 21 יאר צוריק** | „וואס האט דאס שטיקל פיש חוטא געווען?“ · **RebMechel** · היידפארק · היימישע קרעטשמע · 18טן יאנואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1769563.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „א טראגעדיע!“ · **zaltzvaser** · זאלצוואסער · זאלצוואסער · 18טן יאנואר 2013<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/207.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „פייגלעך עגזיסטירן נישט“ · **ליטוואק פון בודאפעסט / שבת אחים / berlbalaguleh / תנחום** · קאווע שטיבל · „פייגלעך עגזיסטירן נישט“ · 19טן–23סטן יולי 2019<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13232.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „דאנערשטאג נאכט אין קאנטרי“ · **Ben Ami** · א וועלט מיט וועלטעלעך · 31סטן דעצעמבער 2007<br>https://veltelech.sites.tab.bot/t/46.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „דער מענטשעלע דער בוים“ · **zaltzvaser** · זאלצוואסער · 4טן מערץ 2013 · אויפן ניגון פון „אילן“<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/302.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **שמואל הלוי** · קאווע שטיבל · 23סטן מאי 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/694.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 21סטן יאנואר – נומער 27, אויף פרשת בשלח; מאנטאג, דעם 25סטן יאנואר – נומער 28

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.